זאַכצענטער יאָר

№ 10

פרייז 20 גראָשען. "CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

פרייטאַג פ' ויקהל ופקודי כ"ב אדר תרצ"ז | ליכט-צינדען 5.02 | Piątek 5 marca 1937

Z intencji zaślubin
p. RÓŻY ZELWERÓWNY z p. SZYMONEM ASZEM
składają serdeczne życzenia rodzicom i nowożeńcom
FEYGINOWIE.

אונזער פריינד ה' **משה אש** און **פרוי**
צו דער חתונה פון זייער זוהן ה' **שמעון** מיט פרל. **רוזשקאַ זעלווער**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און דעם יונגען פאָר א גליקליך צוזאמענלעבען.
ב. באָטשאָן און **פרוי**

אונזער ליעבען זוהן און ברודער **יעקב ראָטשילד**
צו זיין תנאים מיט פרל. **פאָלאַ גאָטיינער**
שיקען די הארציגסטע ברכות
מוטער, שוועסטער און ברידער.

צו די תנאים פון פרל. **פאָלאַ גאָטיינער**
מיט ה' **יעקב ראָטשילד**
ווינשען מיר מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט
פאַמיליע ב. באָטשאָן

דער פרוי **רחל'ע גאָטיינער**
צו די תנאים פון איהר טאָכטער פרל. **פאָלאַ** מיט ה' **יעקב ראָטשילד**
ווינשען מיר א סך נחת און דעם יונגען פאָר א גליקליך צוזאמענלעבען
שמעון באָטשאָן און **פרוי**

צו דער תנאים פון פרל.
פאָלאַ גאָטיינער מיט ה' **יעקב ראָטשילד**
א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען
יוסף פרייערמויער און **פרוי.**

מזל-טוב
צו דער תנאים פון פרל. **פאָלאַ גאָטיינער** מיט ה' **יעקב ראָטשילד.**
די עלטערען פיעל נחת ווינשען
ישעיהו דרעסלער און **פרוי.**

Serdecznie winszujemy p-wu KAŁUŻYŃSKIM
z okazji zaślubin Ich Córki FRANKI z p. ARONEM
LEWINEM oraz życzenia szczęśliwej przyszłości
składają ST. MITLEROWIE

בעקאַנטמאַכונג.

מיר מאַכען בעקאַנט דער טשענסטאָכאָווער יודישער בעפעלקערונג, אַז דער יודישער בעקער - צעך טרעט - צו, ווי יעדעס יאָהר, אויך היי יאָהר

אויסצובאַקען מצות פאַר דער טשענסטאָ=כאָווער יודישער בעפעלקערונג.

נישט אַכטענדיג וואס מעהל איז זעהר געשטיגען וועט זיך דער בעקער-צעך דאָך בעמיהען אויסצובאַקען מצות צו אַ זעהר ביליגען פרייז, כדי אַזוי-אַרום זיך אַקעגענצושטעלען דאס אַריינברענגען פון פרעמדע מצות און צו קענען געבען בעשעפטיגונג א געוויסע טייל אָרימע יודישע איינוואוינער, וואס זאָלען פערדינען אויף יום-טוב.

דער יודישער בעקער=צעך
אין טשענסטאָכאָוו.

אַכטונג!!!!

געלעגענהייטס = אויספערקויף

פון טשעכיש פאָרצעלאַן CZESKIEJ PORCELANY

טיש-סערוויסען פון 30 זל. אָן, טאַסען מיט ספאָדקעס, טעלער דע-קאָרירטע פון 60 גר. אָן, טיש-גלאָז, פאַיאַנס און אנדערע ארטיקלען
אַלעס צו זעהר ביליגע פרייזען

Skład szkła, porcelany i fajansu **B. SACHSENHAUS**
ul. Panny Marii 3. (wł. F. Kempińska i R. Fajner).

Koledze naszemu **Hermanowi Parasolowi**
z powodu zgonu Matki Jego
b. p. EWY PARASOL
wyraża szczere współczucie
Zarząd „Brit Hechajal" w Częstochowie.

Wyrazy szczerego współczucia majstrowi naszemu LEONOWI DZIAŁOSZYŃSKIEMU oraz Żonie z powodu przedwczesnego zgonu Synka Ich **b. p. HENIUSIA**
PRACOWNICE i PRACOWNICY
CZĘST. FABRYKI GUZIKÓW.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מייסטער ה' **לעאָן דזיאַלאָשינסקי** און **פרוי** אין זייער גרויס אומגליק, צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער געליעבט זוהנדעל'ע

העניעק נ"ע

די ארבייטערינס און ארבייטער
פון דער **טשענסטאָכאָווער קנעפ=פאַבריק**

פעסע יאַקובאָוויטש — גאָדל בענדעט

פערהייראַט
וויעלון — אין מערץ 1937. — לאָדז

צו דער חתונה פון אונזער ליעבע טאָכטער, שוועסטער און שוועגערין **פעסע יאַקובאָוויטש** מיט ה' **גאָדל בענדעט** ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען, גליק און צופרידענהייט
פאַמיליע יאַקובאָוויטש, פאַמיליע סקאָווראָנעק

אונזער שוועסטער און שוועגערין חנה יאַקובאָוויטש צו דער חתונה פון איהר ליעבע **פעסע** מיט ה' **גאָדל בענדעט** אונזערע וואַרימסטע ברכות. דעם יונגען פאָר א גליקליך צוזאמענלעבען
טויבע און יחיאל הערשליקאָוויטש און קינדער

אונזערע שכנים און פריינד, דער פאַמיליע הערשליקאָוויטש א הארציגען מזל-טוב צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **פעסע** מיט ה' **גאָדל בענדעט** דעם יונגען פאָר א הערליכע צוקונפט
יודל קאַמינסקי, פרוי און זוהן, פריזיר-אנשטאַלט

א הארציגען מזל-טוב דער פאַמיליע יאַקובאָוויטש צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **פעסע** מיט ה' **גאָדל בענדעט** דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט ווינשען
יצחק באָרקאָווסקי און פרוי, ראובן קאָזשעץ און פרוי,
הלל הערשליקאָוויטש און פרוי.

פיעל גליק צו דער חתונה פון פרל. **פעסע יאַקובאָוויטש** מיט ה' **גאָדל בענדעט.**
די מוטער און געשוויסטער פיעל נחת און פריד ווינשען
תמר ברום, אשר ברום.

אונזער הארציגען מזל-טוב דער **פאַמיליע יאַקובאָוויטש** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער און שוועסטער **פעסע.**
בענדעט זיסהאָלץ און פרוי.

גליק און צופרידענהייט דער פרל. **פעסע יאַקובאָוויטש**
צו איהר חתונה מיט ה' **גאָדל בענדעט.**
ראובן מארגוליס.

רויזה און **יעקב עליאַש** צום געבורט פון איער **זוהנדעלע**
אונזערע הארציגסטע ברכות.
ווינשען: **משה פערעצאָוויטש פרוי** און **זוהן,**
יודל און **פייגא קאָסריעל** וויעלון.

צו דער חתונה פון אונזער שוועסטער און שוועגערין
שרה בינם זשולטאַק מיט ה' **שמואל שמולעוויטש**
ווינשען מיר דעם יונגען פאָר א גליקליך צוזאמענלעבען. די עלטערן—פיעל נחת.
לייבוש זשולטאַק, פרוי און **טאָכטער.**

דעם ה' **מאיר קאַמיאָנער** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **זיסל** מיט ה' **ישכר בער.וויינדלינג** פאַביאַניץ מזל טוב און גליקליכע צוקונפט
ווינשען: **מ. מארעק** און **פאַמיליע,**
וויעלון **מ. א. מארעק** און **פרוי.**

זאָלען אַלע וויסען,

אַז נישט דוקא אין די אַלעען, נור אויך אין נייעם מאַרק
איז די רעיעלסטע און די ביליגסטע קוועלע, וואו
עס געפינט זיך שטענדיג אַ גרויסער אויסוואַהל
פון מאָדערנע וואָל און זיידענע סחורות, גאַרדינען, פלוש-דעקען
אַלערליי ווייסוואַרען, פולקאָמע אויסשטייערן, הורט און דעטייל
און דאס איז ביי

ZUSMAN KRAUZE
CZĘSTOCHOWA, NOWY RYNEK № 6.

די אַלע, וועלכע האבען גענומען אָנטייל אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכען מאָן און פאָטער נ"ע

הענָיך לפידות

וועלכע איז פאָרגעקומען פרייטאַג, דעם 26 לוטי 1937 י. (ט"ו אדר תרצ"ז) ספּעציעל דעם עהרען-פרעזעס ה' ש. ניעמיראָווסקי, פרעזעס ה' י. מ. עפשטיין ווי אויך דער גאַנצער פערוואַלטונג פון „הכנסת אורחים", דריקען אויס דעם איניגסטען דאַנק די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

פרוי, קינדער און פאַמיליע.

מיר נעמען אָנטייל אין צער פון דער **פאַמיליע לפידות**
צוליעב'ן טויט פון זייער מאָן און פאָטער, אונזער לאַנגיעהריגען פערוואַל-טונגס מיטגליד

העניך ז"ל

אינ'ם נפטר פערלירען מיר איינעם פון אונזערע איבערגעגעבענסטע טהוער.
בתוך שאר אבלי ציון תנוחמו.
די פערוואַלטונג פון „הכנסת אורחים".

הננו מביעים את השתתפותנו בצערם הגדול של חברינו מר **יצחק וזאב לפידות**
במות עליהם אביהם נ"ע
העניך
בעבודתו לטובת רעיוננו תנוחמו.
ברית הצה"ר, ברית החיל,
בית"ר, ועדה קרן תל-חי.

P. D-rowi F. Nowakowi
za przeprowadzenie udanej operacji oraz całemu Personelowi Szpitala Żydowskiego na Zawodziu za troskliwą opiekę podczas choroby syna naszego, wyrażamy serdeczne podziękowanie.
Wiksmanowie.

מרכז דתי-תרבותי ע"י ביהכ"נ החדש

יודאאיסטישער אינסטיטוט ביי דער נייער שוהל
אין טשענסטאָכאָוו.
שבת פ' ויקהל ופקודי 4 נאכמיטאָג קומט פאר

אַ מסבת עונג-שבת

מיט א רעפעראט פון פראָפ. **ב. ווײנבערג** א. ד. ט.: „ר' יהודה הנשיא — די פערזענליכקייט און זיין ווערק". איינגאנג פריי.
די ביבליאָטעק און לעזע-זאַל ועגען אפען טעגליך פון 7—10 אוו. מוצאי שבת און זונטאג פון 6—10 אוו. אויטער פרייטאַג-צו-נאכטס, איינגאנג פריי.

צוליעב אַבפאַהרען

איז איבערצוגעבען אין אַלטען מאַרק אָנ'=איינגעפיהרט שפייז=געוועלב אָדער צייטווייליג צו פערקויפען מצות צום אָנקומענדען פסח
ערקונדיגען זיך אין רעדאקציע.

דער לאנגיעהריגער דיפלאָמירטער **טישלער**
פון בוי=אַרבייט

ל. קאַץ וואַרשאַ=ווער 21.

מאַכט בעקאַנט, אַז עס ווערט אָנגענומען אַלערליי בוי=אַרבייט ווי אויך געוועלב=איינריכטונגען
די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט סאָליד, רעיעל און צו מעסיגע פרייזען.
געדענקט די אדרעס: **ל. קאַץ, וואַרשאַווער 21.**

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.

צום פריהלינג-סעזאָן
מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערנדע שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך **כעמיש** צו רייניגען און צו פאַרבען אַלערארט קליידונג.
גאַרדינען צו וואשען און צו שפּאַנען.
ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויס'ן אָרט
אַלץ צו ביליגע פרייזען.

וויעלון! וויעלון!
די פענאָמענאלע פאָלקס-זינגערין פון וואַרשאַ

לאָלא פאָלמאַן

וועט אויפטרעטען זונטאַג אין מכבי-זאַל מיט איהר בעריהמטען אַקאָמפּאַניאַסאָר.
נייעסטע קרעאַציע פון פאָלקס-לידער. אָנפאַנג 8-30 אָוונד.

האַלאָ וויעלון!
אין מיין **פאַרבען געשעפט**
אויף נאַרוטאָוויטשאַ 6
בעקומט מען אַלע סאָרטען **פאַרבען, פאָקאָסטען, אייזען גאַלאַנטעריע, בעשלאָק** אזוו. צו ביליגע פרייזען.
קומט איבערצייגט אייך **בער שאַיאָ** וויעלון.

אַכטונג וויעלון!
אזוי ווי אַלע יאָהר בעקומט איהר שוין ביי מיר צו קויפען
פרימא ליטווישע מצות
ווי אויך מצה מעהל.
כשר אפילו למהדרין מן המהדרין
בעריל האַראָוויטש.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס דער ג.
פאַמיליע לפידות
צוליעב דער גרויסער אבידה פון זייער מאַן און פאָטער
העניך נ"ע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
ליפמאַן קאָפינסקי

שוין די העכסטע צייט

עס איז שוין דאכט זיך א פעסטגעשטעלטע זאך, אז דער האנדעל, וועלכער האט צוליעב א גאנצע רייהע סיבות זיך געפונען אין יודישע הענד, ווערט איצט בהדרגה ארויסגעריסען פון יודען און געהט איבער צו די, וועלכע האבען ערשט נישט לאנג געפרעדיגט, אז האנדעל איז א בזיון, אז דאס איז שאכער־מאכער.

די גאנצע אגיטאציע און דאס אויך פון די רעגירונגס־ספערען ווערט איצט געפיהרט אונטער דער לאזונג, אז דער האנדעל, וועלכער איז געווען מאנאפאליזירט דורך יודען, מוז צוליעב ריין נאציאנאלע אינטערעסען אריין אין פוילישע הענד.

די דאזיגע אגיטאציע ווערט בסדר פערווירקליכט אין לעבען. פון טאג צו טאג מעהרען זיך קריסטליכע געשעפטען און די יודישע סוחרים פערלירען איינציגווייז דעם באדען פון אונטער די פיס, אזוי אז די געפאהר, דאס דער האנדעל, וועלכער איז געווען כמעט דער איינציגער צווייג, וואס האט זיך געפונען ס'רוב אין יודישע הענד, ווערט פון אונז ארויסגעריסען און אין דער נאהנטסטער צוקונפט וועלען דאס רוב יודישע סוחרים זיין פרנסה'לאז.

וואס טהוען מיר, כדי די דאזיגע קאדרען זאלען נישט בלייבען אויף הפקר? צי האבען מיר זיך פערטראכט, ווי אזוי דאס דאזיגע בילד וועט אויסזעהן? אוודאי קומען מיר שטענדיג צו שפעט און ערשט דאמאלס, ווען דער חלף ליגט שוין אויפ'ן האלז, הויבען מיר אן צו שרייען, דאמאלס איז אבער שווער צו ראטעווען, דאס איז פונקט אזוי ווי ביי יעדער קראנקהייט.

עס איז א סך לייכטער צו פערהיטען פון א קראנקהייט, איידער זי צו היילען.

פאר אונזערע אויגען זעהען מיר, ווי די קראנקהייט ענטוויקעלט זיך און מיר טהוען גארנישט, כדי צו פערהיטען פון קאמפליקאציעס.

די איינציגע רפואה צו דער דאזיגער מכה, איז צו פראדוקטיוויזירען די יודישע מאסען. און זאל דא אפען געזאגט ווערען, אז אונזערע כלל טהוער האבען נישט געטהון א קלאפ מיט א פינגער, זיי וועלען בעסער זיך ארומרייסען וועגען קהלה־ענינים, טהוען איינער דעם אנדערן להכעיס, אבער אויף איין מינוט נישט טראכטען וועגען דער קאטאסטראפע, וואס הענגט איבער אונזער קאפ.

מיר אפעלירען צו די היגע יודישע כלל - טהוער און געזעלשאפטליכע עסקנים, אז זיי זאלען ענדליך איבעררייסען מיט זייערע מחלוקת'ן, לשם אמביציע און זאלען זיי בעסער טראכטען וועגען אונזער צוקונפט און וועגען גורל פון די יודישע מאסען, וועלכע געהען אונטער.

זאל מען ראטעווען כל־זמן ס'איז נאך נישט צו שפעט; זאלען געשאפען ווערען פאך־שולען, וואו די יוגענד זאל זיך אויסלערנען א פאך און זי זאל זיין צוגעגרייט צום שווערען לעבען, וועלכעס רוקט זיך אן פאר אונז.

הערט זיך צו צום רוף, ווייל ס'איז שוין די העכסטע צייט!

ש.

פון דער יודענשטאטס־פארטיי.

שבת, דעם 6־טען ד. ח. 8 30 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, בערקא יאסעלעוויטשא 9, א רעפעראט פון ד"ר ז. הירשבערג א.ד.ט.: „דער ציוניזם און זיינע קולטורעלע פראבלעמען". נאכ'ן רעפעראט א גלעזעל טהעע פאר חברים און סימפאטיקער.

— שבת, דעם 13 ד. ח. 8 30 אווענד קומט פאר א נומער „לעבעדיגע צייטונג" מיט'ן אנטייל פון א גאנץ קאלעגיום.

די ווינטער־הילף־אקציע וועט אויך געפיהרט ווערען אין אפריל.

עס ווערט מיטגעטיילט, אז די אקציע פון ווינטער־הילף פאר די ארבייטסלאזע, וועלכע ענדיגט זיך, ווי געוועהנליך, אין די לעצטע טעג פון חודש מערץ, וועט היי־יאהר געפיהרט ווערען אויך אינ'ם חודש אפריל.

פון דער דאזיגער ווינטער־הילף־אקציע גענים איצט אין אונזער שטאדט 3 500 ארבייטסלאזע. פון די געזעצליכע פערדינסטען פון ארבייטס פאנד געניסען אנ'ערך 3.400 ארבייטסלאזע, דערונטער 2.500 פון דער שטאדט און אנ'ערך 900 פון פאוויאט.

א פאר אמת'ע ווערטער צו דער בעפארשטעהענדער יעהרליכער אלגעמיינער פערזאמלונג פון ת"ת „מחזיקי הדת"

ווי ס'איז בעוואוסט פון די ספעצ'עלע בעקאנטמאכונגען ווי אויך פון דער ארטיגער פרעסע, קומט פאר דעם צווייטען זונטאג, די אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג פון דער ת"ת מחזיקי־הדת, און ווי די ערפאהרונג ווייזט אונז, ווערט, פון יאהר צו יאהר, די צאהל בעזוכער ווייניגער און ווייניגער, אזוי ווייט אז די פאריאהריגע פערזאמלונג, איז צוליב דער קליינער צאהל אנוועזענדע שוין נישט פארגעקומען. ווי שטענדיג, אינ'ם בנין פון ביהמ"ד, נור אין דעם זייטיגען ביורא־לאקאל.

ס'איז באמת אונפערשטענדליך די קאלטע און גלייכגילטיגע בעציהונג מצד דער ארטיגער יודישער בעפעלקערונג צו אזא נוצליכען און וויכטיגען מוסד, נור אפשר איז עס איינס פון די ביידע, ענטווערער, אז די יודישע בעפעלקערונג דריקט אויס דורך איהר אבוועזענהייט דעם פולען צוטרוי צו דער פערוואלטונג, ד. ה., אז ס'איז דא דאס פערטרויען און גלויבען, אז די פערוואלטונג אליין איז ביכולת אלעס צו ברענגען אין בעסטען ארדנונג, און מן הסתם טהוט זי אזוי, אדער... ס'איז, ווי דער גרויסער גאון און דענקער ר' משה חיים לוצאטו ז"ל, דריקט זיך אויס אין דער הקדמה פון זיין קלאסיש מוסר ווערק, מסלת ישרים, „שרפי רוב פרסומם וכו', כך ההעלם מהם מצוי מאוד", ד. ה., אז דוקא ביי אזאלכע ענינים, וואס זענען שטארק פאפולער, זעהט מען ביי זיי אממייסטען, שכחה און גלייכגילטיגקייט,—

אבער, ווי ס'זאל נישט זיין, זענען ביידע תירוצים נישט אין ארדנונג, ווייל וואס ס'איז אנבעלאנג וועגען „העלם" אדער „שכחה" וארף עס דא נישט חל זיין, ווייל די ספעציעלע אויפרופען דערמאנען און וועקען, וועגען דער בעטייליגונג.

אבער אויך דער ערשטער תירוץ איז נישט אויסגעהאלטען, איך מיין נישט, חלילה, דערמיט צו זאגען, אז דאס פערטרויען פון דער בעפעלקערונג צו דער פערוואלטונג איז נישט בעגרינדעט. פערקעהרט, די פערוואלטונג פערדינט טאקי דעם פולען צוטרוי, נור איך האלט, אז די צאהל פערוואלטונגס־מיטגלידער איז צו ווייניג, ווייל נישט אלע, וואס פיגורירען אויף דער ליסטע פון דער פערוואלטונג, זענען באמת מיטגלידער. ס'האט זיך, ליידער, איינגעבירגערט א פעהלער, וואס „למען השלום", אדער בעסער געזאגט „למען הכבוד", ווערען אויסגעוועהלט אזאלכע מיטגלידער, וואס האבען במשך פון זייער „קאדענץ" אדער בעסער געזאגט, פון „זייערע קאדענצען" נישט איבערגעטרעטען די שוועל פון דער ת"ת מחזיקי־הדת.

איך בין נישט אויסען, חלילה, וועמען, פוגע בכבוד צו זיין, ווייל ריכטיג, האבען זיי דאך נישט קיין שולד דאביי, ווייל זיי האבען דאך נישט ארויסגעשטעלט זייער קאנדידאטור, נור די שולד איז פון די וועהלער, וועלכע ווילען דוקא, יענע דערהאלטען ביים כבוד, אין דער צייט וואס ביי די איסערוועהלטע זענען עס אין גאנצען מוחל,—און זיי וועלען נישט האבען קיין תרעומות, אויב ס'וועלען קומען אנדערע אויף זייער ארט, וואס וועלען זיך יא פעראינטערעסירען מיט'ן גורל פון דער ת"ת.

מ'דארף אויך געדענקען, אז אמאל, ווען די ת"ת האט בעקומען סובסידיעס פון מאגיסטראט, פון דער קהלה איז די לאסט פון דער פערוואלטונג נישט געוועזען אזוי גרויס, און מען האט זיך געמעגט ערלויבען, אז א טייל פון דער פערוואלטונג זאל זיין טעטיג, און א טייל זאל בלויז פיגורירען, לשם דעקאראציע,—אבער לעצטענס, ווען די אלע הויפט הכנסה קוועלען האבען אויפגעהערט, און ס'פאדערט זיך איבער מענשליכע אנשטרענגונגען, צו דערהאלטען דעם מוסד, קאן א קליינער טייל פון דער פערוואלטונג, ווי פעהיג און טיכטיג זיי זאלען זיין, אין קיין פאל נישט אדורכזעצען די גרויסע געפאדערטע ארבייט, און מיר זענען טאקי עדות, אז דער מוסד איז אין א סך הינזיכטען, לעצטענס פערנאכלעסיגט געווארען: איינס, וואס מען האט רעדוצירט די למודי־הקודש, וואס אנשטאט געוועזענע 6 מחלקות, האבען מיר היינט נור 5, און צווייטענס, און דאס איז נאך שמערצליכער, וואס, צוליעב געלד מאנגעל, איז די ת"ת געוועזען געצווינגען, אבצושאפען די לעהרער פון למודי־חול, און דאדורך זענען ס'רוב תלמידים, געצווינגען צו בעזוכען די פאווישעכנע שולען, וועלכעס איז גורם צו א אונארדנונג און כאאס אין די למודי־קודש, ווייל נישט אלע תלמידים פון א מחלקה בעקומען אין גלייכע שעה'ן די למודי־חול אין דער שולע, נור וואס א צייט, פערלאזען אנדערע די ת"ת.

אויך דאס פערברענגען, פון די תלמידים, א גרויסען טייל פון טאג אין דער שולע האט א דעסטרוקטיווע ווירקונג אויף זייער גייסטיגען צושטאנד, ווייל געפינענדיג זיך אויסער דער ת"ת, ווערען זיי בעאיינפלוסט פון פערשידענע פרעמדע השפעות אזוי אז דאס ביסעל ריח תורה, וואס זיי נעמען זיך מים פון דער ת"ת ווערט שנעל אויסגעוועפט. איך טייטש בדרך מליצה, דאס וואס די גמרא, דרשנ'ט אין מגילה דף ט' ע"ב' אויפ'ן פסוק יפת א' ליפת וכו' „דבריו של יפת יהי' באהלי שם", אז אויב די קינדער פון שם, זענען געצווינגען צו לערנען די דברים של יפת, זאלען זיי, דאס טאקי בעקומען אין די אהלי שם, ווייל ווען זיי וועלען פערלאזען די אהלי שם, און געהן צו יפת'ן, וועלען זיי איבערנעמען דארט נישט בלויז די דברים של יפת, נור אויך דעם גאנצען גייסט פון יפת, דעריבער אז מען וויל טאקי דאס אלעס פעררריכטען און שטעלען די ת"ת אויף דער געהעריגער הויך, פאדערט זיך דער מאקסימום ענערגיע, פון א טיכטיגע ארבייט'ס פעהיגע פערוואלטונג, בכדי דאס צו שאפען פאדערט זיך ווידער די בעטייליגונג פון א גרויסען יודישען צבור, וועלכער זאל וועהלען פון זיך אזא פערוואלטונג, ווי עס פערלאנגט אזא וויכטיגער מוסד ווי דער מחזיקי־הדת.

דוד שלמה ערליך

חבר הועד של הת"ת מחזיקי־הדת.

עס איז א גרויס רחמנות אויף זיי...

קליינער פעליעטאן.

עס איז א געזעץ אין דער נאטור: יעדעס לעבעדיגע בעשעפעניש זוכט מיטלען, ווי אזוי צו דערהאלטען דאס חיות. אפילו א ווארעם אונטער דער ערד האט א אינסטינקט זיך צו זוכען זיין טעגליך שפייז. ס'וועט דעריבער נישט זיין קיין וואונדער, וואס די ברואים, וואס רופען זיך אן מענשען, טהוען אלע התפעלות, זיי זאלען האבען פרנסה.

האט מען אבער דאס „פרנסה'לע" פערשלאסען הינטער זיעבען טויערען און זעלטען ווער עס האט דאס שליסעלע צו די דאזיגע טויערען.

איז טאקי פרנסה שווער כקריעת ים־סוף און מענשען הארעווען זייער גאנץ לעבען, מאטערען זיך, ווערען פערשווארצט און קאגען נישט דערגרייכען דעם זיעבעטען טויער, וואו עס ליגט דאס פעקעלע, וואס רופט זיך פרנסה.

זינט די וועלט איז א וועלט און מענשען לעבען אויף איהר, זוכט מען אלץ מיטלען צו האבען פרנסה. איינער ארבייט ביים האקען שטיינער, מיינט איהר אוודאי, אז איהם אינטערעסירט א סך, צי די שטיינער זענען גאנץ אדער צובראכען. ניין, ער טהוט דאס נאר דערפאר, ווייל מען זאגט איהם צו, אז אויב ער וועט ברעכען שטיינער, וועט ער בעקומען דעם שליסעל צו פרנסה. דאס זעלבע איז מיט דעם טויער, וועלכער אקערט און פערוויהט די ערד; מיט'ן שניידער פון מלבושים, מיט'ן שוסטער, מיט'ן קאוואל, מיט'ן מאטראז, מיט'ן מיניסטער א. א. וו. וו. א. וו.

קורץ, אויף דער וועלט איז שוין אזוי איינגעפיהרט, אז ווער עס וויל האבען פרנסה, מוז עפיס טהון. (פערהאנען אפילו אזעלכע, וואס טהוען גארנישט און האבען שוין איינמאל פרנסה, נאר דאס זענען יחידי־סגולה און זיי געהען נישט אריין אין אונזער צעטיל). איז אבער א צרה, וואס די וועלט איז לעצטענס אזוי איינגעארדענט, אז נישט אלע האבען דאס רעכט עפיס צו טהון, דאס הייסט הענד זענען דא גענוג, נאך איבעריגענונג, נאר נישט אלע הענד זענען ראוי זיך צו פערנעמען מיט דער ארבייט, און אט אויף די דאזיגע איז טאקע א גרויס רחמנות.

שוין א לענגערע צייט קומט צו מיר א קליינהענדלער און בעט מיך, איך זאל איהם שאפען ארבייט אין א פאבריק. שטעל איך דאך אויס אויף איהם א פאר אויגען: היתכן, איהר א סוחר, וואס געהער צום פריווילעגירטען קלאס, זאלט גאר וועלען אוועקווארפען דעם מסחר, צו וועלכען מיליאנען אויגען און הערצער פון פוילישען פאלק חלומט צוצוקומען — וואס טהוט זיך מיט אייך — קוק איך אן מיין פערשוין און וויל איהם טאפען דעם דפק, האלטענדיג, אז ער איז גאר נישט מיט אלעמען... יענער אבער קוקט אויף מיר מיט אויסגעלאשענע אויגען און פערטריקענטע ליפען און רעדט גארנישט. זעה איך דאך, אז איך האב צו טהון מיט אנ'אויסגעשפילטען, כאפ איך אויף זיך דעם פאלטען, לויף אריין צו א יודישען פאבריקאנט און זאג איהם: פאניע קאכאני, זעהט, אט דא איז א געוועזענער סוחר, ער האט נישט קיין סחורה און נישט קיין געלד, דערפאר אבער האט ער הענד, הענד, וועלכע ווילען טהון די שווערסטע ארבייט אין דער וועלט, אבי ער זאל קאנען האבען א שטיקעל פרנסה. בין איך דאך געוועזען זיכער, אז מיין יודישער פאבריקאנט וועט זאגען צו די דאזיגע הענד: קומט ארבייטען. איך האב אבער א טעות געהאט, מיין פאבריקאנט דארף האבען ידים ידי עשו, און די הענד פון יעקב'ן, וועלכע האבען ביז־אהער געמסחרט, טויגען נישט פאר איהם.

אט אויף אזא געוועזענעם סוחר, וועלכער האט נישט קיין סחורה און נישט קיין געלד און פערמאגט נאר הענד, וואס טויגען אויך נישט, איז א גרויס רחמנות.

אין אנ'אנדערער צרה איז מיין שכן גרונם פלטיאל. ער האט נישט דערעסען, נישט דערטרינקען און געצאהלט שכר־למוד פאר זיין גראטען זוהנדעל. האט דער בחור געענדיגט א גימנאזיע מיט אנ'אויסצייכנונג, און היות ווי ער איז אין דער שולע געווען א מיטגליד „לאפפ", „רויטען קרייץ", דערביי איז ער אויך געווען א הייסער פוילישער פאטריאט, האט ער זיך איינגערעדט, אז ווען ער וועט ענדיגען די שולע, וועט ער בעקומען א מלוכה־פאסטען. און שוין דריי־יאהר — דערצעהלט מיר זיין פאטער — ווי זיין זוהן שלאגט אב די טהירען פון אלע מיניסטעריום'ס וועגען א פאסטען און פון אומעטום בעקומט ער א תשובה: „ניע פאטשעבא".

וואס מיינט איהר, איז דען נישט אויף אזא יודיש בחור'ל וועלכער איז ארומגעגאנגען מיט א חלום צו בעקומען א מלוכה פאסטען, נישט קיין גרויס רחמנות...

איך קען א יודען, פנחס הייסט ער, שטעלט ער מיך יענע וואך אב און וויל נאר, אז איך זאל איהם ענטפערען אויף איין פראגע. פארוואס—וויל ער וויסען—קאן ער נישט זיין קיין סטרוזש. וואס—זאג איך צו איהם—איהר, א יוד מיט א בארד, א יוד, וואס געהט צום דאווענען און קומט ארויס פון א שעהנער מיוחס'דיגער משפחה, וויל גאר ווערען א סטרוזש, א פראסטער געוועגליכער סטרוזש, וואס קעהרט די הויפען, זי גאס, פע, ווי פאלט אייך איין עפעס אזא מין משונה מאדנע געדאנק?

מיין בעקאנטער ר' פנחס ענטפערט מיר אבער, אז זיין א סטרוזש איז נישט קיין חרפה—פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות. איידער זיך ארומדרעהען מיט אראבגעהאנגענע הענד, אינדערצייט ווען אינדערהיים, איז דא א ווייב מיט קינדער, איז בעטער צו זיין א סטרוזש. איבעריגענס, וואס איז דאס פאר א בזיון, צי איז עס דען נישט אזא ארבייט, ווי אלע ארבייטען, פערקעהרט, אז מען האט די זכייה צו ווערען א סטרוזש, (איהר הערט דעם בעגריף פון א מענשען? צו ווערען א סטרוזש איז גאר ביי איהם א זכייה...), איז מען דאך פערזיכערט קודם כל מיט א דירה און אויך פרנסה פעהלט נישט. איי דארט, וואס מען הייסט סטרוזש, איז נארישקייטען. איך קאן א סך סטרוזשעס, וואס האבען קינדער דאקטוירים. איך האב־דערצעהלט ווייטער ר' פנחס—זיך משתדל געווען צו ווערען א סטרוזש, כ'האב אנגעקלאפט אלע טהירען און הערט א מעשה: מען וויל דאך מיך אפילו פאר קיין סטרוזש אויך נישט צונעמען. פרעגט ער זיך: פאר וואס, פאר וועלכען חטא? מילא, מען וויל קיין יוד נישט מאכען פאר קיין מיניסטער, איז עפעס אנדערש, אבער אז מען זאל א יודען נישט וועלען מאכען פאר קיין סטרוזש, דאס איז שוין אנ'אונערהערטע עולה.

גלויבט מיר, אז ס'איז א גרויס רחמנות אויף מיין פנחס'ן, וועלכער האלט שוין ביי דער מדרגה צו ווערען א סטרוזש, און דאס וואס מען וויל איהם אלס יוד אפילו פאר קיין סטרוזש אויך נישט צונעמען איז נאך א גרעסער רחמנות.

ווי איהר קוקט מיך אן איז מיר אויך א גרויס רחמנות אויף די פאליאקען. אמת, זיי זענען פערטרעטען אין אלע צווייגען פון דער אינדוסטריע. זיי ארבייטען אין די גרויסע פאבריקען. בעאמטע אין אלע מלוכה און קאמונאלע אינסטיטוציעס. זיי זיצען פעסט אויף דער פוילישער ערד און די דערפער און בעארבייטען איהר. זיי זענען אפילו סטרוזשעס פונדעסטוועגען זענען זיי אויך נישט צופרידען. די יודען האבען פערכאפט דעם האנדעל, און פיהרען מיט איהם אן אינגאנצען, גאר פשוט, זיי האבען דערויף א מאנאפאל, און די ארימע פאליאקען נעביך, קאנען זיך נישט דערמיט פערנעמען.

וואס, איהר ווילט מיר נישט גלויבען, אדרבה, לעזט דעם פראגראם פון דער נייער קאצקער פארטיי, הערט זיך צו צו די רעדעס פון א גענעראל גורעצקי א. אנד. גדולים, וועלכע ווינען מיט ביטערע טרעהרען און בעטען און שטרעבען דערצו, אז זיי אלס עכטע פאלאקען זאלען האבען די זכייה צו זיין „גלייכבערעכטיגט" מיט די יודען.

וואס זאגט איהר, אז די יודען וואלטען זיך מיט זיי געטוישט. זיי וואלטען זיי מוחל געווען במחילה גמירא דעם האנדעל, נאר מען זאל יודען צונעמען אין די פאבריקען, אלס מלוכה־בעאמטע, לאזען בעארבייטען די ערד, און אפילו אלס סטרוזשעס. אבי צו קאנען לעבען אויף דער וועלט. נו, מילא, זאגט איהר, הלמאי, מען זאגט א סך זאכען נו, ווערען זיי מקוים? א פאקט איז אבער, א פאקט. די פאליאקען, וויינען און מיט רעכט, אז זיי ווילען זיין גלייכבערעכטיגט אין פוילען. און ווילען קאנען כאטש גלייך ווי די יודען זיך קאנען פערנעמען מיט'ן האנדעל.

גלויבט מיר, אז עס איז מיר אויף זיי אויך א גרויס רחמנות...

סמאל

ווילנע—ירושלים דליטא

(פון א בעזוך)

II.

קעגענאיבער דער גרויסער שוהל איז פערהאַנען אויפ'ן שטאָק די בעוואוסטע הגר"א-שוהל, וואו ס'האָט געדאַוונט און געלערנט דער ווילנער גאון ר' אליהו, וועלכען מען האט גערופען הגר"א. די שוהל ווערט פערהייליגט ביז'ן היינטיגען טאָג, אַזוי שטעהט נאָך ביז איצט דער שטוהל, אויף וועלכען דער ווילנער גאון איז געזעסען, ס'ווערט דאָרט אויך יעדען טאָג געלערנט און אלע יאָהרצייט-ליכט ווערען געבראכט, דאָרט אַהין, וואו מען צינדט זיי אָן פאַר די הייליגע נשמות.

איך האָב בעזוכט די שוהל אָרום 11 אַ זייגער פארמיטאג, פונדעסטוועגען האב איך דאָרט נאָך געטראָפען עטליכע מנינים יודען, וועלכע האבען געדאַווענט אָדער געלערנט.

כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגענדער פאַקט: אָרום אַ טיש זענען געזעסען ביי די גמרות עטליכע יודען אָנגעטהון אין די תפילין און געלערנט. דער אויסערליכער אויסזעהען פון די יודען האָט געמאכט דעם איינדרוק פון פּראָסטע בעלי-בתים — האַנדווערקער אָדער טרעגער. פאר אַנ'אונזעריגען יודען האט דאס דאזיגע בילד געמאכט אַנ'אויסערגעוועהנליכען איינדרוק.

אויפ'ן זעלבען הויף געפונען זיך נאָך ביז דרייסיג שוהלען און מנינים; אין גאנץ ווילנא איז פערהאנען איבער הונדערט שוהלען און קלויזען.

קעגענאיבער דעם דערמאָנטען קלויז פון הגר"א געפונט זיך די וועלט-בערוהמטע סטראשון-ביבליאָטעק, וואס איז דער שטאָלץ פון ווילנע, וועגען וועלכער ס'וועט מיר אויסקומען צו שרייבען בעזונדער.

די געסלעך פון דער יודישער געטאָ אין ווילנע זענען זעהר שמאָלע, און אויף יעדער פון די 4 גאָסען, וואס האבען געהערט צום געטא, געפונען זיך נאָך אָלס זכר סימנים פון די טויערען, וועלכע האבען אָבגעטיילט די יודען פון דער ארומיגער בעפעלקערונג.

דאָס אָרימקייט פון די יודען אין די דאָזיגע געסלעך איז גאָרנישט משער צו זיין. דאַכט זיך, אז אין קיין שום שטאָדט אין דער וועלט קאן מען דאס נישט זעהען, ווי אין ווילנע. כ'זענען דאָרטען פערהאַנען „קראָמען”, וואָס געפונען זיך אין לעכער, אַזוי אז מען קאן אין דער דאזיגער קראָם נישט אַריינגעהן, נאר דער קיעמער שטעהט פאר'ן טהיר און די גאנצע סחורה, וואס בעשטעהט פון אלטע מלבושים, וועלכע זענען ווערט 2 גילדען, הענגט אויף דער טהיר פון דער קראָם. ס'זענען אויך פערהאנען ענליכע קראָמען, וואו מען פערקויפט האָלץ אָדער קוהלען. פון וואנען אָט די סוחרים לעבען און קאָנען נאך צאהלען דירה-געלד, ווייסט איין גאָט.

כאראקטעריסטיש איז אויך, אַז כמעט אַלע הייזער פון געטאָ געהערען אָדער צו דער מלוכה אָדער צו דער קריסטליכער קירכע. לעצטענס אָבער ווערען די הייזער אָבגעקויפט דורך פריוואטע מענשען.

פערהאַנען איך אין געטאָ פיער גאסען, וואס רופען זיך אָן אויף נעמען פון ווילנער יודען.

אויסער דער יודען-גאָס — „זשידאָווסקאָ”, וואו ס'געפונען זיך די שוהלען און די סטראשון-ביבליאָטעק, זענען נאָך פערהאנען די גאסען: „גאון” — אויפ'ן נאָמען פון ווילנער גאון, „סטראשון-גאס” — אויפ'ן נאָמען פון מתתיהו סטראשון, „פין-גאס” אויפ'ן נאָמען פון כלל-טהוער ר' שמואל פין און „קליאטשקא גאס”.

לעגענדעס.

איהר האט דאך מסתמא געהערט וועגען דער לעגענדע מיט'ן גר צדק.

געוועזן אין ווילנע א זוהן פון גראַף פאָטאָצקי, וועלכער האט זיך מגייר געווען און געלערנט תורה און טראַכטדעם, וואס די גייסטליכע האבען אָנגעוואַנדען אלע מיטלען איהם צוריק אומצוקעהרען צום קריסטענטום, האט עס נישט געהאָלפען. ער איז דעריבער עפענטליך פערברענט געווארען און בעגראָבען געוואָרען אויפ'ן יודישען בית עולם. אויף זיין קבר איז אַרויסגעוואקסען אַ וואונדערליכער בוים אין געשטאלט פון א מענש, לעצטענס האבען סאלדאטען, וועלכע האבען דאָרט געמאכט מאַנעווערס, דעם בוים פערניכטעט.

אויך דערצעהלט מען אַ לעגענדע וועגען דער מוטער פון ווילנער גאון, אַז בעת זי האט געשוואנגערט, איז זי אַמאָל געגאנגען אין גאס, ווען ס'זענען גראַד אויף ווילנע אָנגעפאלען קאָזאקען. דערזעהענדיג די פרוי, זענען די קאָזאקען צוגעלאָפען צו איהר, ווילענדיג זי שטעכען. דאַמאלס האָט זיך די וואַנד, ביי וועלכער זי איז געשטאַנען, פונאנדער-געריקט און זי איז דאָרט פערשוואונדען געוואָרען.

אועלכע און נאך ענליכע לעגענדעס דערצעהלט מען אין ווילנע.

דבורה-אסתר די צדקניות.

האט געלעבט אין ראמיילים-געסיל א פרוי ושמה און זי האט געהייסען דבורה-אסתר, וועלכע מען האט זעהר יונג חתונה געמאכט. געהאַנדעלט האט זי מיט קיכלעך אין גאס, פערדינענדיג קוים אויף חיונה.

דבורה אסתר האט נישט געהאט קיין קינדער, דערפאר האט זי אָבער געהאט אַ גרויס ווארים האַרץ פאר אלע נויטען פון דער יודישער ארימקייט, מיט וועלכער זי האט זיך צוזאמענגעטראָפען טאָג-טעגליך; האט זי פערטראכט א פלאַן: יעדען טאג, ווען זי איז פערטיג געוואָרען מיט'ן פערקויפען איהרע קיכלעך, האט זי צונויפגענומען גראָשענס און קאָפּיקעס און עס אוועקגעטראָגען אָרימע אלמנות און סתם קבצנים. שפּעטער האט זי איינגעזעהען, אז מיט נדבות וועט זי גאָרנישט אויפטהון, האט זי צוזאמענגעקליבען גרעסערע סומען און צוזאמען מיט איהרע אייגענע אָבגעשפּאָרטע גראָשענס געגרינדעט א גמילת חסד-קאַסע פאר די אָרימע אלמנות.

די דאזיגע קאסע עקזיסטירט נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג אויפ'ן נאמען פון דבורה-אסתר געלפער. ס'איז אויך דאָ אַ שוהל אויף איהר נאָמען, וואו מען דאַווענט און מען לערנט.

דער נאמען פון דבורה-אסתר איז פערהייליגט צווישען דער ווילנער יודישער בעפעלקערונג, און הונדערטער פרויען און מענער פאהרען אויף איהר קבר און גיסען אויס זייער צער און פיין, רעדען זיך אראָב דאס האַרץ און זענען זיכער, אז זי וועט זיך פאר זיי מיהען...

הילפס-אינסטיטוציעס

אין קיין שום שטאדט אין פוילען איז נישט פערהאַנען אזוי פיעל אינסטיטוציעס ווי אין ווילנע. אַמאָל, פאר דער מלחמה, ווען ווילנער יודען זענען געוועזן פערמעגליך, האט ממש געשפּרודעלט מיט הילפס אינסטיטוציעס. און אפילו היינט, ווען ווילנע איז פעראָרימט, זענען פערהאַנען אָהן א שיעור אַזאַלכע אינסטיטוציעס. ס'וועט גענוג זיין צו זאגען, אז אויסער פיעל אַנדערע זענען בלויז גמילת חסדים קאַסעס פערהאַנען אין ווילנע קנאַפּע הונדערט מיט דער גמילת חסד קאַסע פון „דזשוינט” אין דער שפּיץ, וועלכע בעדינט ביז דריי טויזענד פּעטענטען.

בילדונגס-און קולטורעלע אינסטיטוציעס

אויך אויף דעם געביט שטעהט ווילנע אויפ'ן ערשטען פלאַץ. אָט, למשל, געהערען צום צענטראַלען בילדונגס-קאָמיטעט „צ.ב.ק.”, וואס פיהרט אָן מיט אלע יודיש-וועלטליכע ערציהערישע אַנשטאלטען אין ווילנע 8 פאָלקס-שולען, 2 קינדער-גערטנער, 2 אָזענד-שולען, 2 גימנאַזיעס און 1 לעהרער-סעמינאַר, ביים „צ.ב.ק.” איז אויך פערהאנען די איינציגע אין ווילנע קינדער ביבליאָטעק אין יודיש מיט העכער 20 טויזענד ביכער.

אויך די בילדונגס-געזעלשאפט „תרבות” פיהרט א פערצווייגטע אַרבייט. דאַן זענען פערהאנען רעליגיעזע אנשטאלטען א. ג. „תורת-אמת”, „בית-יהודה”, א מזרחיסטישע שולע אויפ'ן נאמען פון הרבנית אסתר רובינשטיין (די פרוי פון סיים דעפּוטאט הרב רובינשטיין) און אנדערע.

ווילנע שמ'ט אויך מיט דעם איינציגען אין פוילען יודישען טעכניקום „פראָפ. שול פון הילף דורך ארבייט”, מיט דער עלטסטער יודישער דרוקעריי „האחים ראָם”, אומצעהליגע געזעל. אינסטיטוציעס, פאָלקס-כאָרען א.ז.וו.

ווילנע איז די שטאדט, וואו ס'איז געמאכט געווארען די ערשטע פּרובען צו שאַפען פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. דאָרט האבען זיך געגרינדעט די ערשטע „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטען”, וועלכע האבען געשפּילט א היבשע ראָלע אין דער בעוועגונג צו שאַפען א מאָדערנע יודישע ליטעראַטור פאר די אויפגעוואַכטע יודישע פאָלקס מאַסען און דאָרט זענען אויך געבוירען געוואָרען די יודישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ווי אויך די ערשטע יודישע צייטונגען.

ש. פראנק

טיפּען פון ארץ-ישראל'דיגען אויפבוי

קיין איין יודישער קבוץ איז נישט אזוי רייך מיט אינטערעסאַנטע טיפּען ווי דער ארץ-ישראל'דיגער יודישער ישוב.

אין א גאנץ קליינער אויסשניט פון דער גרויסער ספעריע יודען, וואס האבען זיך אַקטיוו בעטייליגט אין ארץ-ישראל—אויפבוי.

אין אָנפאַנג פון דער שעהנער שדרוה ראָטשילד, אין דעם עלטעסטען טייל פון דער יונגער תל-אביב, שטעהט א שעהן מאַיעסטעטישע געביידע, אויף וועלכער אונטען רעכטס און לינקס פון אריינגאנג שטעהען די בעשיידענע ווערטער מוזעאום אין תל-אביב. דאס איז דער תל-אביב'ער קונסט-מוזעאום. וואס איז מיט א קנאַפּען יאָהר צוריק געעפענט געווארען. פריהער איז דאָ געשטאַנען דאס קליינע הויז פון דעם בעריהמטסטען יוד אין תל-אביב און אין גאנץ ארץ-ישראל, פון דעם מיט א קורצער צייט צוריק פערשטאָרבענעם דיזענגאָף. דיזענגאָף ז"ל איז געווען א גרויסער חובב פון קונסט און זיין שעהן קליין הויז אויף שדרות ראָטשילד האט זיך אין משך פון די יאהרען אלץ מעהר און מעהר אָנגעפולט מיט בילדער און אנדערע קונסט ווערק. און אז תל-אביב האט אָנגעהויבען אויסצוואַקסען פון א רוהיגער ווילי'ע—קוואַרטאַל אין א רוישיגער גרויסער שטאדט, האט איהר בירגערמייסטער אנגעהויבען צו חלומ'ען וועגען א מוזעאום פאר זיין ליבלינגס-קינד—תל-אביב. און רעכצייטיג האט ער גענומען זיך מכין זיין צו זיין פלאַן און האט דורך זיינע גרויסע בעציהונגען געזוכט בילדער-נדבות. און אז דער גאנצער פלאַן איז רייף געווארען האט ער געלאָזט אויף זיין חשבון זיין קליין הויז פערגרעסערען אין א שעהנע מאָדערנע געביידע פאר א מוזעאום און איז אליין געבליבען גאָך וואוינען אין דעם זעלבען הויז ביז צו זיין לעצטען טאג. מיט א יאהר צוריק בערך איז דער מוזעאום פייערליך געעפענט געווארען אין דער אַנוועזענהייט פון זיין שטיפטער, דעם פינף און זיבעציג יעהריגען בעליבטען בירגערמייסטער פון תל-אביב. דאס איז געווען א יום-טוב פאַר דער תל-אביב'ער גייסטיגער וועלט, דען עס איז געעפענט געווארען א מוזעאום, וועלכע פיעל גרעסערע און רייכערע שטעדט מיט א עלטערער און איינגעזעסענער בעפעלקערונג קענען איהם מקנא זיין.

ביים בעטראַכטען פון די בילדער וואַרפט זיך אין די אויגען דער נאמען פון מאַריס לעווין, וועלכער האט געשענקט א זעהר גרויסע צאָהל פון די ווערטפולסטע און בעריהמטסטע בילדער, מאַריס לעווין איז געווען א יוד וואס האט געשטאַמט פון ליטע און דורכגעמאכט א אינטערעסאַנטען לעבענס גאַנג.

אליין איז ער געבוירען געוואָרען אין קעלם. דערנאָך געלערנט אין דער בעריהמטער סלאָבאָדקער ישיבה און שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַנטווערפּען. דאָ ווערט ער באַלד אריינגעצויגען ווי פיעל פון זיינע לאַנדסלייט אין דעם בריליאַנטען האַנדעל און ווערט באַלד א גביר.

מאַריס לעווין איז אָבער אויך א גרויסער ליבהאבער פון קונסט און שאַפט זיך אָן פאַר שווערע געלדער ווערטפולע בילדער און זיין הויז ווערט פערוואַנדעלט אין א קונסט-זאַמלונג. און אז דיזענגאָף האט פערטראַכט זיין פלאַן פון א קונסט מוזעאום אין תל-אביב, האט ער זיך פערבינדען מיט מאַריס לעווין און פון איהם בעקומען די הבטחה, אז ער וועט אוועקשענקען זיינע בילדער דעם קינפטיגען תל-אביב'ער מוזעאום.

שפּעטער איז מאַריס לעווין געווארען א יורד און ער וואָלט דורך דעם פערקויף פון זיינע בילדער געקענט פערבעסערען זיין לאַגע, ער האט אָבער געהאַלטען זיין הבטחה. ער האט זיינע בילדער נישט פערקויפט און זיי אַוועקגעשענקט דעם תל-אביב'ער מוזעאום, וואו זיי בילדען דעם ווערטפולסטען טייל און האט אזוי אָרום זיין נאמען אויף אייביג פערבונדען מיט א גרויסען גייסטיגען ווערק פון בנין הארץ.

און ווידער איינער פון אנ'אַנדערען טייל פון לעבען און זיין נאמען איז שמואל זיסקינד פּאָזמבראָווסקי.

אליין איז ער א יוד פון סובאלקער קאַנט און פון דאָרטען איז ער מיט א יאהר פינף אריבערגעפאהרען קיין תל-אביב. זיין פערבינדונג מיט ארץ ישראל איז אָבער פיעל עלטער, זיין פאטער איז געווען א הייסער חובב ציון און האט מיט א יאהר פערציג צוריק אַוועקגעשיקט א פאַר קינדער קיין ארץ-ישראל מיט דער ברכה: געהט און

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

„איך בין דער דאָקטאָר פון בערלין”...

טראָץ דעם, וואס די קהלה האט בפירוש אויפמערקזאם געמאכט, אַז מען זאָל זיך נישט פערשטעלען אום פורים צוליעב די בעקאנטע סיבות, האבען א סך דאך נישט געפאָלגט און יאָ זיך פערשטעלט.

דאס האבען זיי נישט געטהון דערפאר, ווייל זיי זענען שלעכטע קינדער, נאר גאר פשוט — ווייל א דאנק דאס פערשטעלען זיך אום פורים האבען א סך די מעגליכקייט זיך צו פערדינען עטליכע זלאָטעס.

כאראקטעריסטיש, אַז די גרעסטע טייל פערשטעלטע קינדער האבען געזינגען איינאונדעמזעלבען פזמון, וועלכער האט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „איך בין דער דאָקטאָר פון בערלין”... צי איז דאס נישט געווען אַ סימבאָלישע אָנצוהערעניש, אַז א דאַנק דער היטלעריאַדע מוזען דאָקטוירים איצט אַרומוואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד און זוכען אַ מקום מנוחה פאַר זייער עקזיסטענץ.

און נישט בלויז דאָקטוירים פון בערלין מוזען אָנטהון מאַסקעס אויף די פּנים'ער נאָר אויך א סך אנדערע פון בערלין מוזען היינט טראָגען מאַסקעס אויף זיך, כדי מען זאָל נישט דערקאָנען, וואס פאַר א פאַרב זיי האבען...

אָט די דאָזיגע רעפלעקסען זענען מיר געקומען אויפ'ן רעיון, בעת די אָרימע יודישע קינדער האבען אום פורים מיט די מאַסקעס געזונגען דאס ליעדעל: „איך בין דער דאָקטאָר פון בערלין”...

לעבעדיג און פרעהליך

טראָץ די אויסערסט שווערע צייטען, וואס מיר לעבען איצט איבער, האבען יודען פונדעסטוועגען נישט אַדורכגעלאָזט די געלעגענהייט, כדי פורים צו זיין פרעהליך און לעבעדיג—געוועהנליך יעדער אויף זיין שטייגער. איינער ביי א טיש מיט גוטע מאכלים ומשקאות; א צווייטער האט זיך בעגנוגענד מיט א שמיקעל ברויט; א דריטער האט אָנגעטהון א מאַטקע און ארויס אין גאָס. פרעהליך אָבער זענען אלע געווען צוליב המנ'ס מפלה.

ביי יודען איז דער אינסטינקט, אז אלע המנ'ס פון אלע צייטען וועלען מוזען ענדיגען מיט דער מפלה, וואס עס האט געליטען זייער אור-זיידע דער ערשטער המן בן המדתא, און אויף דער דאָזיגער קאָנטאָ, וואס עס וועט אַמאָל זיין, פרעהט מען זיך שוין.

קיין ספּעציעלע יודישע בעלער זענען אין דער נאַכט פון פורים ביי אונז נישט פאָרגעקומען (די בעלער האט מען אָבגעלייגט אויף שבת צו-נאַכט'ס), דערפאַר אָבער האט די יוגענד פערבראַכט אין די צוקערניעס אָדער זיך געמאכט א פורים סעודה פּריוואט ביי היימישע פריינד.

דער איינציגער פורים באַל, וועלכער איז פורים ביינאַכט יאָ פאָרגעקומען אין א לאָקאַל, איז איינגעאָרדענט געוואָרען דורך די בית-המדרש בחורים און טאַקע אין נייעם בית-המדרש גופא.

איבער פופציג בית המדרש-בחורים האבען זיך פערקליבען אין בית המדרש, וואו ס'איז געווען אָנגעגרייט אַ סעודה כיד המלך, מיט פיש, מיט אייער-קיכלעך, אַרבעס און באָב, מיט עטליכע פעסלעך ביער און אנדערע מטעמים, ס'זענען אויך פאָרגעקומען פערשידענע אַטראַקציעס, ווי אַ פאַרשטעלונג געזאַנג און טענץ. אַ טייל בחורים האָבען זיך פערשטעלט — איינער פאר א רבי'ן, דער צווייטער פאר אַ שמש, אַנדערע האבען געשפּילט די ראָלען פון חסידים, דאָרפס יודען, פּאָליציאַנטען, דאַקטוירים א. א. וו.

מילא דאס, וואס דער שמש פון רבי'ן מוז האבען א הויקער, וואס דער דאקטאר מוז טראגען בינאָקלען, דער פּאָליציאַנט א גרויסען קאַפּעלוש, ווי אַ קאָוובוי מיט מיט אַ קינדער-ביקסעל, וואס שיסט מיט פּולווער — בין איך אייך מוחל. ווי דען אַנדערש, ס'זענען דאָך עפּיס יודישע גזלנים. דערפאר אָבער זענען די טענץ געווען עכטע, מיט'ן אמת'ן ברען און התלהבות, אַזוי ווי יונגעלייט און חסידישע דערצו קאָנען.

כ'בין זיך מודה, אַז איך האָב פערבראכט אויף דעם דאָזיגען פורים-אָוונד ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיך באמת געוויילט. דאס געזאַנג פון די בחורים וועגען די המנ'ס פון אלע צייטען, וועגען דעם, אַז מיר יודען וועלען פון זיי סוף כל סוף אויסגעלייזט ווערען—דאס האט געאָטעמט מיט טיפען גלויבען. דאַן די חסידישע טענץ, דאס אמת'ע ריקודל'ע איז געווען בעהויכט מיט ברען און התלהבות, וואס מען קאן נאר זעהען ביי יונגע נאַאיווע, און ערליכע חסידישע בחורים.

אין דעם דאָזיגען ריקוד'ל זענען אַריינגעצויגען געוואָרען זאָגאַר די געסט מיט דעם פּאַטראָן פון בית המדרש ה' הענריק שפּאָלטען בראש, וועלכע האבען מיטגעטאנצט א לענגערע צייט.

כ'ווייס נישט צי איהר וועט מיך ריכטיג פערשטעהן, ווען איך וועל אייך זאָגען, אַז זינט יאהרען האב איך מיך נישט געפיהלט אַזוי גוט, אַזוי ווארים, אַזוי היימיש, ווי דאס איז געווען אויפ'ן פורים אָוונד ביי די בית המדרש-בחורים. דאָרט איז באמת געווען לעבעדיג און פרעהליך.

דער בערען-טאַנץ...

די פוילישע פריצים האבען געהאט אַ טבע צו מאכען חוזק פון יודען, מיט וועלכע זיי האבען געהאַנדעלט, הייסענדיג זיי טאַנצען מה-יפית אָדער אַ בערען-טאַנץ וכדומה.

די דאָזיגע דערנידערונגען, וואָס יודען זענען אויסגעשטאַנען פון די קאַפּריזנע פריצים, זענען פערווייביגט געווארען אין דער ליטעראַטור אָלס אַ צייכען פון פריצישע צולאָזענקייט און יודישע רעכטלאָזיגקייט. איצט, ווען אין פוילען געהט א נייע כוואַליע פון יודישע דערנידערונגען, ווען אין פוילישען סיים האלטען די פריצים אנטי-יודישע רעדעס, הויבען אָן אָט די זעלבע פריצים צו בענקען זייערע אַלטע שטיק בנוגע יודען.

אָט דערצעהלט מיר אַ יוד פאָלגענדען פאקט:

צו א פריץ איז געקומען אַ יוד קויפען פיש, און היות ווי דער יוד האט געהאט אַ לאַנגע באָרד, האט זיך דער פריץ געוואָלט איבער דעם יודען לוסטיג מאכען. האט ער זיך געלאָזט ברענגען אַ פערד פון זיין שטאַל און דעם יוד געהייסען רייטען, זאָגענדיג אויב דער יוד וועט נישט אַראָבפאַלען פון פערד, וועט ער איהם פערקויפען די פיש. דער יוד האט דערזעהענדיג דאס פריצישע פערד, זיך שטארק דערשראָקען. דערמאָנענדיג זיך אָבער, אַז אינדערהיים וואַרט אַ פרוי מיט קינדער אויף פרנסה, האט ער לאין ברירה זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן פערד. די פאַראָב-

בויט דאס וויסטע לאנד...

צוויי זענען פון דארט אוועק קיין אמעריקא און מיט דער צייט געווארען דארט גרויסע גבירים. און אז דער אלטער פאטער איז געשטארבען אין גלות, האט זיין פרוי די אלמנה גע־וואלט דורכאויס פאהרען אין דעם לאנד, איבער וועלכען איהר מאן האט זיין גאנץ לעבען גע'חלומ'ט אבער נישט זוכה געווען צו זעהען מיט זיינע אויגען.

איהרע רייכע אמעריקאנער קינדער האבען איהר געגעבען די מעגליכקייט דערצו און זי האט פערווירקליכט איהר טרוים און איז אריבערגעפאהרען קיין ארץ ישראל. צוזאמען מיט איהר איז אויך אריבערגעפאהרען איהר זוהן שמואל זיסקינד פאוועמבראווסקי צו־ערשט פלאנצט ער א פרדס, וועלכער טראגט דעם נאמען פון זיין פערשטאר־בענעם פאטער—גן אברהם אליעזר, ער בעגנוגענד זיך אבער נישט מיט דעם רוהיגען לעבען פון א גרויסען פרדס־בעזיצער, ער איז אויפגעוואקסען אין זיין עלטערען הויז אין די אידעאלען פון גאולת הארץ און ער געהט דערצו אריבער צו קויפען ערד פון אראבער און אזוי ארום מקיים זיין די מצוה פון גאולת הקרקע.

איינע פון זיינע גרויסע קניות איז געווען די ערד, וועלכע ער האט שפע־טער פערקויפט א גרופע יודען פון פראנקרייך אין פוילען, וועלכע האבען דארט אויפגעבויט דעם ישוב, וועלכער טראגט היינט דעם נאמען „כפר־הק־נאים".

זיין גרעסטע ווערק ביז יעצט איז די קניה פון צוויי טויזענד פינף הונ־דערט דונאם ערד אין דרום, אין שכנות מיט דער אלטער יודישער קאלאניע „באר־טוביה". אויף דער ערד געהט ער אויפבויען א נייעם יודישען ישוב, וועלכער וועט טראגען זיין נאמען און הייסען „קרית שמואל".

און ווידער איינער אבער אהן א נאמען, איינער פון דעם טיפ „אונבע־קאנטע סאלדאטען", וועלכעס יעדעס פאלק בעזיצט און אין וועלכע האט דאס אויפבויענדע ארץ־ישראל איז בע־זונדער רייך, אליין איז ער א מענש פון קרוב צו זעכציג מיט שארפע אוי־גען אין וועלכע עס שפיגעלט זיך א גרויסע ענטשלאסענהייט און עקשנות. ער איז א מעכאניקער און פערשטעהט כל מיני מאשינען און ווייס שטענדיג צו געפונען אנ'אויסוועג פון אלע טעכ־נישע שוועריגקייטען, ער איז א מייס־טער בחסד עליון, האט ער מאקע אין רוסלאנד געהאט שטענדיג צו טהון און גאר פיין פערדינט און אבגעשפארט א היבשע סומע. און אז א"י ישראל האט זיך אנגעהויבען צו בויען נאך דער מלחמה, האט ער נישט פיעל געטראכט און זיך אין א שעהנעם פריה מארגען אויפגעהויבען און אריבערגעפאהרען מיט זיין משפחה קיין ארץ־ישראל. און זיין גאנצע מחשבה איז געווען אויס־געפולט מיט דעם געדאנק: בויען פאב־ריקען אין ארץ־ישראל און שאפען אלץ נייע ארבייטס־מעגליכקייטען. ער פער־בינדעט זיך מיט שותפים און מיט א געמיינזאמען גרעסערען קאפיטאל הויבט ער אן אויפצובויען פערשידענע קלע־נערע און גרעסערע פאבריקען. דאביי אינטערעסירט איהם אבער די געשעפ־טליכע זייט גארנישט, פאר איהם איז נישט דער פערדינסט דער עיקר, די הויפטזאך איז אז ארץ־ישראל בויט זיך. וואס שפילט דאס פאר א ראלע אויב ער און נאך אייניגע וועלען פער־לירען זייער געלד און זייער צייט, אויב נאר ארץ־ישראל בויט זיך דא־דורך. זיינע שותפים האבען אבער אנ־דערע אנשויאונגען און טראכטען שטארק וועגען עולם הזה, זיי קענען מיט אזא מאדנעם שותף נישט אויסקומען און ווארפען איהם ארויס. ארט איהם דאס אויך ווייניג וואס, וויפיעל ברויכט א מענש מ'שטיינס געזאגט, וואסער קאסט דאך נישט, קאכט מען זיך טיי אויפ'ן פרימוס און טרינקט מיט ברויט, אבי די פאבריק איז אויפגעבויט געווארען און יודען וועלען האבען דארטען אר־בייט. שפעטער לאדט מען איהם איין אייצוארדנען א פרעמדע פאבריק און ער איז זיך מוסר נפש אום זי אויפ־צושטעלען, עס האנדעלט זיך דאך דא־ביי איהם די הייליגע ארבייט פון בנין הא"ץ. דאס געהאלט איז נאר א נעבען זאך און קיינמאל בעט ער קיין געלד נישט ביי זיין בעל־הבית, האט קימערט איהם נישט. נאר זיין ווייב, זי קען איהם שוין, געהט שטילערהייט און בעט פון בעל הבית א פונט און קויפט דאס נויטיגסטע. און ווען איהר טרעפט איהם מיט די ברילען אויפ'ן נאז, ווי ער שטעהט און פראבירט עפעס א מאשין, וועט אייך נישט איינפאלען, אז איהר האט פאר אייך אנ'אינטערע־סאנטען טיפ. ווען איהר קוקט אבער דורך די ברילען גלעזער אין זיינע שארפע קלוגע אויגען אריין, זעהט איהר אין זיי עפעס א הייליג פייערל ברענען, דאס פייערל פון בנין הארץ.

נ. חן

מרדכי קויפמאן

מיניאטורען.

ווען א יוד געהט מאהנען א חוב...

ה' ש. איז א יוד, וואס האט תמיד געהאט געשעפטס־בעציהונגען מיט קריס־טען. געווען אויסגעקאכט מיט זיי ביז גאר. און דאס שוין א קיימא'לן פון עטליכע דרייסיג יאהר—סיי אלס גע־וועזענער מייסטער פון א גרויסער פאבריק און סיי אלס פאבריקאנט די לעצטע יאהרען. אלע קריסטען, אר־בייטער און געשעפטס לייט, האבען פון איהם שטארק געהאלטען און געשעצט פאר זיין ערליכקייט און גוטע בעצי־הונג צו זיי.

איז דעם זעלבען יוד געקומען א חוב פון עטליכע הונדערט זלאטעס ביי זיינס אנ'אלטען בעקאנטען קריסט פון ראקאוו. חדשים זענען פערביי און דער קריסט האט אלץ כסדר אבגע־שלעפט ביז ער האט איהם געהייסען קומען צו זיך אהיים אין א געוויסען טאג און אין א געוויסער שעה, ווען ער וועט איהם דאס געלד צוריקגעבען.

צו דער בעשטימטער שעה געהט זיך אזוי דער יודישער פאבריקאנט און הויז אייגענטימער פערטיעפט אין זיינע מחשבות, ביז ער איז צוגעקומען צו דער וואוינונג פון זיין קריסטליכען בעקאנטען. ווי נאר ער איז איבער־טרעטען די שוועל האט ער בעמערקט ווי דער קריסט פערשליסט הינטער זיך די טהיר און נעמט צו דעם שליסעל אין קעשענע. געהענדיג א פאר שריט ווייטער, האט ער בעמערקט אויפ'ן טיש א גרויס מעסער און א בריטווע. מילא, ווענען דעם, וואס דער יוד האט אין דעם־מאמענט געפיהלט און ווי דאס הארץ איז איהם געשפרינגען, וועלען מיר נישט רעדען.

— נאך וואס ביזטו, זשידושיע, גע־קומען?

בלאס ווי די וואנד, מיט טויט־שרעק, האט איהם דער יוד געענטפערט, אז ער האט דאך איהם אייגענטליך היינט געהייסען קומען. נו, אויב ער האט נישט קיין געלד וועט ער נאך ווארטען, ס'מאכט נישט אויס...

— וואס ווילסטו, זשידזשיע, געלד? ווארט צו א מאמענט, וועל איך דיר ווייזען ווי אזוי געלד זעהט אויס. זעהסט דאס אויפ'ן טיש? דאס אלץ איז צוגעגרייט פאר דיר. אויב דו וועסט מיר געבען אויפ'ן ארט טויזענד זלאטעס, לאז איך דיך פריי, אנ־דערש — — — — — — — —

דער יוד, וועלכער קען דעם קריסט שוין אזויפיעל יאהר, הויבט אן בע־טען, אז ער האט נישט ביי זיך אזא סומע, זאל ער איהם אבלאזען, וואס וויל ער פון איהם. דער קריסט ווערט דערפון נישט נתפעל, ער נישטערט איהם איבער אלע טאשען, געפינט דארט א קנאפע צוויי הונדערט זלא־טעס, וועלכע ער נעמט צו און אויף דער איבעריגער סומע, ביז טויזענד זלאטעס, מוז דער יוד איהם אונטער־שרייבען וועקסלען און דאן—ערשט דאן לאזט ער איהם פריי.

א מאראליש פערפייניגטער, דער־נידריגטער, פיזיש־אבגעשוואכטער, פער־חלש'טער—שלעפט זיך דער יוד קוים אהיים. דער ארויסגערופענער דאקטאר האט איהם געטראפען אין בעט האלב־בעוואוסטלאז פון די ליידען און אי־בערלעבונגען. די פראקוראטור, וועל־כע האט אונטערגענומען אנ'אויספאר־שונג, טרעפט דערווייל אן אויף קאמ־פליקאציעס. ס'הויבען זיך אן יאוועץ עדות, וועלכע וועלען שוין געפונען פאר זייער „פאטריאטישען" חוב צוצו־טשעפען, אויסצוטראכטען, אויסצוגע־פונען אנ'„עפיס", וואס זאל דעם זשיד פערשיטען, אז ער האט זיך גאר דאס אליין אויסגעטראכט, אדער ער איז גאר געווען דער אנפאלער...

דאס זעהט אויס ווי א מעשה'לע פון „טויזענד און איין נאכט", אדער ווי אויפ'ן פילם געזעהן. ליידער איז עס נישט דאס ערשטע און אויך נישט דאס צווייטע, נאר די טרויריגע וויר־קליכקייט פון דער היינטיגער צייט. מיט א פאר יאהר צוריק וואלט אזא זאך גארנישט מעגליך געווען. איצט, ווען פזשיטיקער „העלדען" ערקלערען, אז פאר שיסען א הונד ווערט מען בעשטראפט און פאר הרג'ענען א יוד —נישט; ווען אויף די פראצעסען פאר כלומרשט בעליידיגען דאס פוילישע פאלק ערקלערען די קריסטליכע עדות, אז זיי מעג מען גלויבען, ווייל זיי זענען קריסטען און יודען טאר מען נישט גלויבען—אין אזא צייט איז אלץ מעגליך. מן הסתם האט זיך דער קריס־טליכער „פריינד" גענוג אנגעלעזען אין דער פרעסע, אז היינט גלויבט מען שוין נישט קיין יוד, איז פארוואס זאל מען גראד דעם יוד יא גלויבען?...

ווען א יוד געהט אהיים פון טעאטער...

אז ס'קומט אראב צו אונז א יודישע טרופע אויף גאסט־אויפטריטען, פער־שטעהט זיך, אז נישט אלע זיצען אינ־דערהיים. וואס פארא פערגעניגענס האבען מיר דען מעהר, ווי אמאל זיך אראבצוכאפען אין יודישען טעאטער זעהען א יודישע פיעסע, הערען א יודיש ליעד?

געהט זיך אזוי אהיים פון דער יו־דישער פארשטעלונג א יונג פאר־פאלק צושמייכעלט, צופרידען פון דעם גע־זעהענעם. דיסקוטירען איבער דעם, ווער ס'האט געשפילט בעסער, ביז זיי קומען צו צום הויז פון זייער וואוי־נונג. דאס הויז איז איינס פון די אל־טע הייזער אין טשענסטאכאוו, וועלכע געדענקען נאך נאפאלעאנס צייטען. די „ארכיטעקטור" איז אזא, וואס פון דער גאס ביז צום טויער איז פערהאן א מין פערטיפונג, וואו אייניגע מענ־שען קענען דארט שטעהען אונבעמערקט און טהוען, וואס זייער הארץ גלוסט נאר. איז אין אט דער טיפעניש גע־שטאנען א שגץ מיט א שיקסע און „ראמאנסירט" און בעת דער יונגערמאן מיט זיין פרוי זענען צוגעקומען אנ־קלינגען ביים טויער, האט זיי דער שגץ עמפפאנגען מיט א גרויס מעסער פאר דער חוצפה, וואס דער יוד האט איהם געוואגט צו שטערען. א נס איז געווען, וואס דער יונגערמאן—א בע־אמטער אין א היגער פאבריק—האט ביי זיך געהאט א לעגאלען ברוינונג, וועלכען ער האט בליץ־שנעל ארויס־גענומען און געווארענט דעם שגץ, אז ער וועט מאכען פון דעם געוועהר א געברויך, אויב ער וועט זיך נישט אבטראגען מיט'ן מעסער.

אבער דאס איז נישט אלץ. וויכטיג איז דער פאקט, וואס דער הויז־וועכ־טער פונ'ם הויז איז א גאנצער ידיד מיט'ן מעסער־שטעכער, וועלכען ער האט נאך געפרובט צו פערטיידיגען. אט דער דאזיגער סטרוזש פונ'ם יודי־שען הויז־אייגענטימער מיט בלויז יו־דישע לאקאטארען, האט געדראהט די יודישע פרוי, אז ער וועט זי נאך אנ־לערנען פאר דער „חוצפה", וואס זי האט גע'וואגט צו רופען פאליציי. זאל זי נישט פערגעסען, אז זי איז א זשי־דובקע...

אויך דער סטרוזש האט מן הסתם געלעזען דעם „גאניעץ", אז אריינ־פאהרען מיט א מעסער אין דער זייט פון א יודען, ווערט קוואליפיצירט אלס „נאראדאווער" טהאט...

די דאזיגע פשוט'ע, מגושמ'דיגע גויים האבען פון אייביג אן געהאט דרך־ארץ פאר'ן „פאן", פאר זייער ברויט־געבער. זיי קענען זיך נישט אויף קיין שום חכמות און אויף די פערשידענע דיפלאמאטישע קונץ־שטיק פון די רעגירענדע קרייזען, וועלכע לאווירען אמאל אזוי און א צווייט מאל אנדערש. זיי טייטשען לייכט אויס דאס ווארט „בויקאט" אויף „בויקא". זיי נעמען די זאכען און געשעהענישען אזוי ווי זיי געהען. און אויב וועלען זיי זיך איבערצייגען, אז דער יוד— נישט קיין חילוק ווער ער איז און וואס ער איז—ווערט אנדערש בעהאנ־דעלט און טראקטירט, קענען זיך זיי־ערע נידריגע, ווילדע אינסטינקטען אזוי צושפילען, צוהוליען, אז ס'וועט שוין שווער זיין צו צוימען, צו הא־מעווען.

ווער ווייס ווי מיר וועלען דאן אויסזעהן.

קעס האבען דאס פערד געיאגט און דער יוד איז אראבגעפאלען זיך גוט צוקלאפענדיג. ערשט שפעטער האט דער פריץ בעוויליגט צו פערקויפען דעם יוד די די פיש.

צי קעהרען זיך נישט אום די צייטען, ווען יודען האבען געמוזט טאנצען פאר'ן פריץ דעם בערען טאנץ?...

ער האט געדאווענט, ווי דער אמ ג'ער חזן.

סוף־כל־סוף איז א שטיקעל עולה דאס, וואס אין אזא שטאדט־שוהל למשל, וואו עס דאווענען א פאר הונ־דערט יודען קיין עין־הרע, זאל שבת־ביי־שבת דאווענען בלויז דער שטענ־דיגער הזן, אזוי אז קיינער פון די מתפללים זאל נישט קאנען צוקומען צום ברעטיל...

פערגעסט נישט, אז כמעט יעדער יוד איז א חזן און דאס ברעטיל איז א מאגנעט, וואס ציהט און ציהט, און דא שטעה און קוק צו, ווי אזוי איינ־אונדערזעלבער חזן דאווענט א גאנץ יאהר.

גלויבט מיר, די מתפללים פון דער שטאדט־שוהל זענען צדיקים גמורים, אויב זיי קאנען גובר זיין דעם יצר־הרע פון צוגעהן צום ברעטיל. ווארום טאמער פיהלט עמיצער (און וועלכער יוד פיהלט דען דאס נישט...), אז ער וואלט געקאנט דאווענען פאר'ן עמוד, איז נישטא קיין גרעסערער יצר־הרע, ווי דאס, און אויב ס'געהען אוועק יאהרען און די דאזיגע יודען האלטען דאס אויס, זענען זיי ווירקליך נישט אבצושאצען.

מאכט זיך אמאל, אז דער חזן איז נישט געזונד אדער ער פאהרט אוועק, דאמאלס גיט ביי יעדען איינעם מתפלל א בליק אין אויג: אולי, אפשר וועט ער די זכייה האבען צו פערטרעטען דעם חזן, אבער אויך צו דעם איז לאו כל אדם זוכה, ווייל „חזנים" אין שוהל זענען פערהאנען א סך און אנ'עמוד נאר איינער און דאס זעהר זעלטען.

דערפאר אבער האט אונזער חזן ה' קארפיעל, וועלכער איז בערוהמט מיט זיין מתיקות'דיגער נגינה און הערצ־ליכער קאלאראטור, פיערשענסטווא צום שוהל־עמוד, ווי־נאר דער חזן איז עפיס נישט דיספאנירט, איז שוין: „יעמוד מורינו ר' יצחק אייזיק קארפיעל"...

דעם פערגאנגענעם שבת האט דער שטאדט חזן נישט געדאווענט, דערפאר אבער האבען די שוהל־מתפללים גע־האט די זכייה צו הערען אונזער ר' קארפיעל'ן. און איך מוז אפען זאגען, אז דאס איז געווען א דאווענען, מעג מען עס נאר הערען אין בית־המקדש. און געדאווענט האט ה' ק. מיט פער־שידענע נוסחאות. וועמען האט ער אלץ נישט געזינגען: בירנבוים'ען, יא־סעלע ראזענבלאט, סיראטע'ן, קוסע־וויצקי'ן, ויידל ראוונער, קארמיאל און דער עיקר — באדאש'ן.

כ'וויל נישט איבערטרייבען, נאר מיט דער גאנצער ערנסטקייט ערקלער איך, אז דער שוהל־עולם איז געווען צופרידען און זאגאר ענטציקט פון ה' קארפיעל'ס דאווענען. זייערע פנימ'ער האבען געשיינט פאר שמחה און אלע מתפללים האבען זיך געוואונשען, אז אין דער שטאדט־שוהל זאל מען וואס אפטער האבען די זכייה צו הערען דעם קול־נעים וערב פון אונזער אנ־אייגענעם, פון אונזער א בן עיר. זאל מיר דער שטאדט חזן ה' כאלעווא מוחל זיין, אויב איך וועל זאגען' אז ה' ק. האט געדאווענט בעסער, א סך בעסער ווי דער חזן גופא. צו וואס אלזא דארף מען אינגאנאען א פרעמדען חזן? איהר ווייסט דאך אבער שוין דעם כלל: א פרעמדער איז גוט און א היימישער טויג נישט. פאקטיש אבער מוז מען זאגען, אז ה' קארפיעל האט געדאווענט בעסער ווי דער חזן...

מען האט געבאלעוועט...

דעם פערגאנגענעם שבת צו־נאכטס זענען פארגעקומען א רייהע יודישע בעלער. דאס האט געזאלט נאך געהן אויפ'ן חשבון פון פורים. און היות ווי היי־יאהר איז פורים אויסגעפאלען דא־נערשטאג, האט מען די בעלער געמאכט א נדחה אויף שבת־צו נאכטס.

די ארגאניזאטארען פון די בעלער האבען אפילו נישט אזוי ווייט געמיינט די הגדה, ווי די קניידלעך, זיי האבען געוואלט פערגרעסערען די הכנסות פון זייערע קאסעס און אזוי ווי מאכען אין מיטען יאהר מיר־נישט דיר־נישט א באל האט עפיס נישט קיין טעם, האט מען עס אבגעלייגט אויף פורים.

גאנצע 5 בעלער זענען פארגעקומען, ואלה הם: „טאז", דער קאמיטעט צו בויען דאס יודישע גימנאזיום, די שולע אויפ'ן נאמען פון פרל. ז. וויינשטאק, די האנדווערקער־שולע, ווי אויך דער „מכבי".

צווישען „טאז" און גימנאזיום איז אפילו פארגעקומען א שטיקעל קאנקו־רענץ, ווייל יעדער האט אלץ געוואלט, אז דער עולם זאל צו איהם קומען. א סך האבען זיך נישט געקאנט דעצי־דירען, וואוהין צו געהן: אין „טאז" אדער אין גימנאזיום — און זענען טאקי געבליבען אינדערהיים...

פונדעסטוועגען איז נאך נישט אזוי שלעכט. סיי דאס גימנאזיום און סיי דער „טאז" האבען געהאט א נישט־קשה'דיגע פרעקווענץ און מען האט געלעבט א נאכט...

גאר פרעהליך איז געווען אין „טאז", וואו אויסער טאנצען ביי די קלאנגען פון א שענעם ארקעסטער, זענען אויך פארגעקומען וואהלען פון: א) א קעניג, ב) א קעניגין, און ג) א מיס „טאז".

ביי אלע וואהלען — ווי בעקאנט — זענען פערהאנען אומצופרידענע, וועלכע זע־נען נישט צופרידען פון אויסגאנג. דאס זעלבע איז אויך געווען ביי די וואה־לען פון א קעניגין אויפ'ן „טאז"־באל. ס'זענען געווען אומצופרידענע יונגע־לייט, וועלכע האבען דוקא געוואלט, אז זייער בעקאנטע זאל געוועהלט ווערען אלס קעניגין. האבען אבער די געגנער גע־האט מעהר אגיטאטארען, וועלכע הא־בען זיך בעמיהט, אז ס'זאל אויסגע־קויפט ווערען מעהר „וואהל־ליטערא־טור" און זיי האבען געזיעגט. דערביי מוז בעמערקט ווערען, אז א קעניגין ווערט געוועהלט פון „פאלק" דורך צעטלען, און וועלכעס מיידעל ס'בע־קומט מעהר צעטלען, יענע ווערט קע־ניגין. זענען טאקי די אנהענגער פון דער גישט־דערגאנגענער קעניגין נישט געווען צופרידען. וואהלען זענען אבער וואהלען (איבערהויפט, אז מען דארף נישט ווארטען ביז דאס מיניסטעריום וועט בעשטעטיגען די דאזיגע וואה־לען...). דאן איז מען צוגעטרעטען אויסצוועהלען א קעניג און אויך דאס איז אדורכגעפיהרט געווארען אין בעס־טען ארדנונג, ווייל דער קעניג פון באל איז גראד געווען א מאנספערשוין, מיט גראהע האהר אין די שלייפען און כידוע גיט דאס צו מעהר חשיבות.

אנדערש איז געווען ביים קלויבען א „מיס טאז". דאס ווענדעט זיך שוין נישט אין פאלק, נאר אין א זשורי, א סנהדרין, וואס בעשטימט, וועלכעס מיידעל ס'איז שעהן, גראציעז און מלא חן. און דער פסק־דין איז אויסגעפאלען אויף דער טאכטער פון בעוואוסטען כלל־טהוער ה' ש. ניעמיראווסקי. אגב מוז בעמערקט ווערען, אז די פרייליין ניעמיראווסקא האט אפילו אין טשעכא־טשינעק שוין געהאט בעקומען אויף א באל דעם טיטול „מיס".

אמת, מיר יודען לעבען איצט איבער שווערע צייטען, אבער איינמאל אין יאהר זיך ווילען און פערגעסען אין די צרות און פרענות שאדט אויך נישט, איבערהויפט, אז פון דעם ווייל־לען זיך פאלט אראב א פאר גילדען פאר וויכטיגע געזעלשאפטליכע צוועקען און דאס איז דאך דער עיקר.

הכלל, ס'איז געווען לעבעדיג, מען האט געבאלעוועט.

לויתן

טשענסטאכאווער ידיעות

ערפינדונגען, וועלכע מ'האט תיכף פערניכטעט

אויב מ'זאָל גלויבען די פערשידענע ערפינדערס און זייערע גוזמא'דיגע רייד, זענען אין דער לעצטער צייט פערקויפט געוואָרען עטליכע ערפינדונ-גען, וועלכע די גרויסע אינדוסטריען האבען אויפגעקויפט בכדי זיי צו פער-ניכטען.

פאַטענטען ווערען אָבער נור אַרויס-געגעבען פאַר אַ רייהע פון יאהרען, דערנאך ווערען זיי פריי און יעדער קען דערמיט מאכען וואס ער וויל. ס'איז בכן דא א שטיקעל האָפנונג, אַז אַמאָל וועלען די דאָזיגע ערפינדונגען דאָך קומען צונוץ פאר אלע מענשען. דערווייל זענען זיי אָבער פאר אַ לאַנ-גער צייט טויט, נאך איידער זיי זענען געבוירען געוואָרען.

וופר ס'רעכענט אָבער, אַז דאס זע-נען נייע ערשיינונגען פון דער היינטי-גער צייט, דער האט א טעות.

מיט אַנ'ערך 50 יאהר צוריק האט אַנ'ענגלישער שוסטער געבראכט אויף דער מסע אַבצאַסען און זויהלען פון גומי. ער האט נאכגעוויזען, אַז די דאָ-זיגע זויהלען און אַבצאַסען זענען בי-ליגער און בעסער ווי לעדערנע, פונ-דעסטוועגען האט ער קיין גרויסע גע-שעפטען נישט געמאכט. קוים איז ער אָבער אַהיימגעקומען נישט אין בעס-טען געמיט צוליעב זיינע שלעכטע גע-שעפטען, איז צו איהם געקומען אַ פערטרעטער פון די גרעסטע ענגלישע לעדער-פאַבריקען און איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער האט שוין גע-נוג געארבייט אין זיין לעבען. ער זאָל איהם פערקויפען זיין נייע ערפינדונג פון די גומי-זויהלען, דערפאר וועלען איהם די לעדער - פאַבריקען געבען אַ לעבענסלענגליכע פענסיע, ער זאָל נישט מעהר דאַרפען ארבייטען. דער שוסטער איז איינגעגאנגען דערויף און זיין פאַטענט איז פערניכטעט געוואָרען.

ערשט צעהן יאהר שפּעטער האט אַנ'-אַנדערער ערפינדער אַזאָ]עהנליכען פאַ-טענט, מיט וועלכען ער האט אַנגעהוי-בען צו אַרבייטען גומי-אַבצאַסען און זויהלען און איז דערפון נתעשר גע-וואָרען.

מיט פיעל יאהרען צוריק האט מען שוין ערפינדען ווי אזוי מ'קען מאכען מילך אויס פערשידענע פלאַנצען. די פלאַנצען מילך איז בעסער און ביליגער ווי די קיה-מילך. אויס „לאַנדווירט-שאַפטליכע גרונדען“ האט מען די ער-פינדונג אָבגעקויפט און פערניכטעט, בכדי די אַגראַריער זאָלען נישט צו גרונד געהן...

דער „ציה-פערשלוס“ איז שוין זעהר אַלט. די כינעזער האבען שוין מיט הונדערט יאהר צוריק דערפון געוואוסט און אויפ'ן אייראָפּעאישען מארק האט זיך די ערפינדונג אויך שוין געוויזען מיט אַכציג יאהר צוריק, אָבער די קנעפּ פאבריקען האבען זי אויפגעקויפט און פערניכטעט. ערשט מיט עטליכע יאהר צוריק איז זי אויפגעשטאנען תחית המתים.

ראזיר-קלינגען זענען היינט געוואָ-רען א גרויסע אינדוסטריע, וואס ווערט געפיהרט פון די גרויסע שטאָל-אונטער-נעמער. מיט עטליכע יאהר צוריק האט א שוועדישער אינזשיניער ערפינדען אַ ראזיר-קלינג, וואס האלט צעהן יאהר. די שוועדישע שטאָל-פאבריקען האבען ביי איהם די ערפינדונג אָבגעקויפט פאר אַ הון רוב און תיכף פערניכטעט, ווייל אַ ראַזיר-קלינגע טאָר מעהר נישט דויערען ווי א וואָך...

דאס „אייביגע שוועבעלע“ האבען שוין עטליכע פּאָכלייט ערפינדען, אָבער דער גרויסער קאָנצערן פון די שווע-בעלעך-פאבריקען האט שטענדיג אָבגע-קויפט די דאָזיגע ערפינדונג, וואס האט געקאנט רואינירען די גרויסע אינ-דוסטריע פון די שוועבעלעך...

דעם „אייבינען זייגער“ האט מען אויך שוין נישט איינמאָל ערפינדען, אָבער יעדע ערפינדונג האבען די גרוי-סע פאבריקען אויפגעקויפט און פער-ניכטעט. אַ זייגער מוז מען אויפציהען יעדען טאָג אָדער לכל הפחות יעדע וואָך. דאס ברענגט דערצו, אַז מ'צו-בראכט די פעדער און א ביסעל שפּע-טער טאקי דעם זייגער גופא און מ'מוז קויפען א נייעם...

ווי געזאגט: איין טרייסט איז נור געבליבען, אַז די פאַטענטען קענען נישט פערלוירען געהן אויף אייביג. סוף-כל-סוף וועלען זיי זיך אַמאָל דאָך בעוויזען אויפ'ן מארק און זיי וועלען אויסגענוצט ווערען לטובה פאר אַלע מענשען.

ז. האבער, וויען.

שוידערליכער מאָרד אין דער קאָלאָניע מיענטאַ, הינטער טרוסקאָלאַס

אין דער קאָלאָניע מיענטאַ, הינטער טרוסקאָלאַס האט זיך מאנטאג אָבגע-שפּילט פאָלגענדע שוידערליכע פאמי-ליען-טראגעדיע:

זינט א לענגערער צייט האט אינ'ם דאזיגען דארף געוואוינט א געוויסער 40-יעהריגער יוזעף פאַרקיטני, אַנ'אַר-בייטסלאָזער, וועלכער האט זיך לעצ-טענס פערנומען מיט שמוגעל און וואס ס'האט זיך נור געלאזט, כדי צו דער-האלטען זיין פרוי און דריי זיהן. די גרויסע נויט און דאן דער פרוי'ס אונ-היילבאַרע מאגען קראנקהייט האט אזוי שרעקליך געווירקט אויף פאַרקיטני'ן, דאס ער האט בעשלאסען צו בעגעהן זעלבסטמאָרד, וועלענדיג זיך אזוי-ארום נוקם זיין אינ'ם גורל, וועלכער האט איהם אונברחמנות'דיג בעהאנדעלט. די זאָרג פאר זיין פרוי און קינדער, וואס וואלטען דאן געבליבען אהן אויפזיכט, האט ביי איהם ארויסגערופען דעם חיה'שען בעשלוס אומצוברענגען אויך זיינע נאָהנטסטע. דער מערדער האט טאקי שפּעטער דערצעהלט פאר דער פּאָליציי: — „אויב איך האב געוואלט אוועקגעהן, טאָ זאָלען זיי אויך געהן מיט מיר אין דער אנדערער וועלט“.

דעם קריטישען אווענד האט פּאַר-קיטני זיך אומגעקעהרט אהיים א רוהי-גער, אויפגעגעסען דאס אווענד-ברויט צוזאמען מיט אלע שטוב מענשען און זיך אוועקגעזעצט אין א זייט לייענען א צייטונג. זיין פרוי ווידער האט גע-לעגט די קינדער אין בעט און אליין אויך אוועק שלאָפען. לייענענדיג די צייטונג איז פאַרקיטני געקומען צום בעשלוס, אז אין אזעלכע בעדינגונגען איז נישט כדאי צו לעבען.

ארום 10 א זייגער האט פאַרקיטני גענומען א שווערע האַק און צוגעגאנ-גען צו דער פרוי'ס בעט. נאך א קור-צען ישוב-הדעת האט ער מיט א שטאַר-קען זעץ מיט דער האַק צושפּאָלטען איהר דעם מוח. דאן איז ער צו צו די קינדער'ס בעט און מיט שטאַרקע קלעפּ ערמאָרדעט אין שלאָף זיינע דריי זיהן, פון 7, 9 און 14 יאָהר, וועלכע האבען אפילו נישט בעוויזען א געשריי צו טהון.

ווען פאַרקיטני האט זיך פערזיכערט, אז קיינער פון זיין פאמיליע לעבט שוין נישט, האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און אין א העפט אָנגעשריבען בריעף צו זיינע קרובים און בעקאַנטע. אין די דאָזיגע בריעף האט ער זיך בעקלאָגט אויף דער שרעקליכער נויט, וואס האט גורם געוועזען דעם טויט פון זיין פרוי, קינדער און איהם גע-שטויסען צום זעלבסטמאָרד. אין די דאָזיגע בריעף האט ער זיך אויך בע-קלאָגט דערויף, וואס מ'האט איהם פאלש חושד געוועזען אין גנבות א.א.וו.

דערנאך האט ער בעשלאָסען צו בע-געהן זעלבסטמאָרד, צו וועלכען צוועק ער האט זיך צוגעגרייט א ראַזיר-מעסער, נור אין דער לעצטער מינוט האט ער בעשלאָסען אונטערצוצינדען דאס הויז. נישט ווילענדיג אָבער שאדען ברענגען די שכנים, האט ער אָבגעוואַרט ביז 5 פארטאָגס, ווען ער האט אונטערגעצינ-דען די בעטען מיט די טויטע קערפּערס פון זיין פרוי און קינדער און דערנאך זיך איבערגעשניטען די אָדערן פון די הענד. געפונענדיג זיך שוין אין א האלב-בעוואוסטלאָזען צושטאַנד, האט פאַרקיטני זיך פלוצים דערמאנט, אז אין שכנות ליגט די אלטיטשקע בעל-הבית'טע. ס'האט איהם אַרומגעכאַפּט א רחמנות אויף דער אונשולדיגער זקנה. ער איז דעריבער מיט די לעצטע כחות צוגע-לאַפען צו דער טהיר און זי געוואָרענט פאר דער דראָהענדער געפאהר. די זקנה האט אָבער נישט דערהערט די וואָרנונגען און פאַרקיטני איז אין חלשות געפאַלען אויף דער שוועל.

די שרפה האט בעמערקט א שכן, וועלכער איז אַריין אין שטוב און צו-ערשט אַרויסגעטראגען דעם פערוואונ-דעטען פאַרקיטני, דאן פערלאָשען דאס פייער און דעזוהענדיג די פערשטאַר-בענע קערפּערס פון די איבריגע, האט ער געמיינט, אז זיי זענען פערטשאָדעט געוואָרען און דעריבער זיי אַרויסגע-טראָגען אויפ'ן הויף. דאָ האבען די פערזאַמעלטע דערזעהן דאס שוידערליכע בילד פון די אָבגעבּרענטע און צושע-דיגטע פנים'ער פון דער פאַמיליע. קו-מענדיג נאך דער ערשטער מעדיציני-שער הילף צום בעוואוסטזיין, האט פאַרקיטני געכאפּט א מעסער און זיך געוואָלט איבערשניידען דעם האַלז. די פערזאַמעלטע דאַרפישע בעפעלקערונג האט אָבער פאַרקיטני'ן אָבגעהאַלטען פון דעם דאָזיגען טהאָט.

אויפ'ן אָרט פון פאַרפאַל זענען אָנ-געקומען פאָרשטעהער פון דער מאַכט און א דאָקטאָר, וועלכער האט אָדורכ-געפיהרט א סעקציע פון די קערפּערס.

דערוויסענדיג זיך וועגען דעם דאָזי-גען גרויזאַמען פערברעך, האט דער פערזאַמעלטער 3 טויזענד-קעפּיגער המון געפּרובט אויטצופיהרען א זעלבסט-געריכט, אָבער א דאַנק דער ענערגי-שער האַלטונג פון דער פאָליציי, איז געלונגען דעם מערדער איבערצופיהרען אין דער תפיסה קיין טשענסטאָכאָוו. אויפ'ן וועג האט דער מערדער פער-צווייפעלט געשריגען, אַז א לעבעדיגען וועט מען איהם נישט ברענגען קיין טשענסטאָכאָוו.

דער דאָזיגער שוידערליכער מאָרד און זעלבסטמאָרד האט אין דער אַרומי-גער געגענד געמאַכט א פּיינליכען איינדרוק.

פון יודאַאיסטישען אינסטיטוט.

אַז די גריגדונג פונ'ם יודאַאיסטישען אינסטיטוט איז געוועזען אַ נויטווענ-דיגקייט, בעווייזט דער כסדר'דיגער וואוקס פון דער צאהל לעזער. די לע-זער רעקרוטירען זיך פון די פערשי-דענסטע שיכטען פון דער היגער יודי-שער בעפעלקערונג, וואָרום סיי די בי-בליאָטעק, וועמענס צאהל ביכער דער-גרייכט שוין ביז 800 און סיי די צאהל אינלענדישע און אויסלענדישע צייטונ-גען, צווישען וועלכע עס פערנעמט אַ ספּעציעל אָנגעזעהענעם פּלאַץ די ארץ-ישראל'דיגע פּרעסע, ליפערען אַ רייכען לעזע מאַטעריאַל און עס פערשאַפט דעם לעזער אַ גייסטיגען און עסטעטישען גענוס צו פערברענגען אין דעם אַנגע-נעהמען, ליכטיגען און וואַרימען לעזע-זאַל, וואו יעדער קאָן אויף עטליכע שעה אַראָבוואַרפען פון זיך די אָהן אַ שיעור דאגות און זיך בעהעפטען מיט אונזערע אונערשעפּליכע גייסטיגע אוצ-רות.

דער אינסטיטוט שטעהט אין פער-בינדונג מיט דער העברעאישער אוני-ווערזיטעט. פערהאַן אינ'ם אינסטיטוט אַלערליי מאַטעריאַלען וועגען די בע-דינגונגען אָנגענומען צו ווערען אויף דער אוניווערזיטעט.

מאָרגען, שבת 4 אַ זייגער נאָכמיטאג קומט פאָר אַ זעהר אינטערעסאַנטער עונג שבת מיט אַ רעפעראַט פון פּראָפ. ב. וויינבערג א. ד. ט.: „ר' יהודה הנשיא, זיין פּערזענליכקייט און זיין ווערק“. דער רעפעראַט האט אַרויסגע-רופען אַ גרויסע פּעראינטערעסירונג און עס איז צו האָפען, אַז ער וועט צאהלרייך בעזוכט ווערען.

ZAWIADOMIENIE.

Mam zaszczyt zawiadomić, iż po powrocie z Paryża, gdzie ukończyłem Państwową Akademię Kroju i Szycia, z wieloletnią praktyką najpoważniejszych firm w Warszawie, otworzyłem

Pierwszorzędny Paryski Zakład Krawiecki Męski pf. „TRES-CHIC”

w Częstochowie przy ul. Najśw. Marii Panny 33 m. 13, telef. 11-87.

Zakład mój jest zaopatrzony w najnowsze towary sezonowe krajowe i angielskie oraz żurnale z Domów Mód francusk. i angielsk. Wykonanie solidne. Praca wykwintna. Warunki dogodne. Polecając się łask. względom Sz. Klijenteli, pozostaję z poważaniem

M. Rozenblum, dypl. akademik Państw. Akad. Kroju i Szycia w Paryżu.

Buchalterki - korespondentki
poszukuję.
Oferty do redakcji pod 17.

Kino-Teatr „ATLANTIC”.

11 marca (czwartek) wielka sensacja muzyczna

Jedyny występ dwóch światowej sławy gwiazd

ADY SARI (śpiew)

JANINY FAMILJER-HEPNEROWEJ (fortepian)

Szczegóły w afiszach.

ווידער-אַמאָל אויסגעוועהלט דעם ה' ראָזענבערג אַלס קהלה - פּרעזעס.

פרייטאָג האט די קהלה דערהאלטען א מיטטיילונג פון דער אויפזיכטס מאַכט, אז היות ווי דאס מיניסטעריום פאר אמונות און בילדונג האט נישט בע-שטעטיגט די קאַנדידאַטור פון ה' ראָ-זענבערג אויפ'ן אַמט פון קהלה פּרעזעס, דעריבער דאַרפען אין פערלויף פון א וואָך נאָכאַמאָל פאָרקומען וואַהלען פון א קהלה פּרעזעס.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט פּרע-זעס ראָזענבערג צונויפגערופען אויף נעכטען האַלב 9 אָווענד א זיצונג פון די ניי אויסגעוועהלטע פערוואַלטונגס-מיטגלידער, בכדי אָדורכצופיהרען פּרע-זעס וואַהלען.

צו דער זיצונג זענען געקומען אלע דאַזאַרעס, ווי אויך דער רעפערענט פאר די קהלה ענינים אין דער סטאַראָסטווא, ה' מאַרושינסקי.

פּרעזעס ראָזענבערג עפענט די זי-צונג, לייענט אדורך דעם דערהאלטענעם בריעף פון דער אויפזיכטס-מאַכט און נאכדעם קומען פאַר די וואַהלען, וועלכע גיבען פאָלגענדען רעזולטאַט: פאר'ן ה' ראָזענבערג זענען אָבגעגעבען געוואָרען 7 שטימען, פאר'ן ה' גאָלדשטיין 4 שטימען און 1 ליידיג צעטיל.

ה' ראָזענבערג איז אזוי אָרום נאָכ-אַמאָל אויסגעוועהלט געוואָרען אלס פּרעזעס פון דער היגער קהלה.

אַ טשענסטאָכאָווער איינוואוינערין— אַ שותּפ'טע צו אַ געלד - פעלשער אין סאָסנאָוויץ.

די פּאָליציי אין טאַרנאָווסקיע גורי האט פערהאַלטען דעם סאָסנאָווצער איינוואוינער, דעם 40 יעהריגען משעס-לאַוו קויאַווא, וועלכער האט מיט דער הילף פון א פרוי פערשפרייט פאלשע 20 זלאָטי-באַנקנאָטען. קויאַווא איז אויך געוועזען בעקאַנט דער סאָסנאָווצער פּאָליציי פון פערשידענע מאַכינאַציעס.

וועגען קויאַוואַ'ס אַרעסט אין טאַר-נאָווסקיע-גורי האט מען מודיע געוועזען דער פּאָליציי אין סאָסנאָוויץ, וועלכע האט זיך אויך דאן מיטבעטייליגט ביים אויסזוכען זיין שותּפ'טע.

נאך אַנ'אויספאָרשונג איז געלונגען פעסטצושטעלען, אַז דעם פעלשער'ס שותּפ'טע איז א געוויסע זאָפיא קאָ-ניעטשנאַ פון טשענסטאכאוו, גאַרנצאַרס-קאַ 16.

קאָניעטשקא איז פערהאַלטען געוואָ-רען אין דער מלינה אויף פּושעיאַזד גאס אין סאָסנאָוויץ און דאַן איז זי איבערגעשיקט געוואָרען צו דער דיס-פּאָזיציע פון דער פּאָליציי אין טאַר-נאָווסקיע-גורי.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים“

ה' מרדכי הירשבערג צו דער פער-בעסערונג אין דער קראַנקהייט פון זיין פרוי 5 זל.

ה' זיינוויל קרעמסקי צו דער יאהר-צייט פון זיין מוטער 4 זל.

ה' הירש שאיא א נדר 2 זל.

פרוי זעלווער צו דער חתונה פון איהר טאָכטער 1 20 זל.

ברידער, יואל יהודה טויבענבלאט און שוועסטער צו דער יאהרצייט פון זייער פאטער 20 קילאָ ברויט.

ה' יעקב איזראַעלאָוויטש 20 קילאָ ברויט.

ה' זיסמאַן קרויזע צו דער חתונה פון זיין טאָכטער 10 קילאָ ברויט.

ה' דוד יוסף שיף צו דער חתונה פון זיין זוהן 10 קילאָ ברויט.

ה' משה אַש צו דער חתונה פון זיין זוהן 10 קילאָ ברויט.

ה' דערעס צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 10 קילאָ ברויט.

ה' חיים פוטעל 10 קילאָ ברויט.

ה' מיכאל רוזיעוויץ א נדר 5 קילאָ ברויט.

ה' שמואל יעשיענאָוויץ צו דער בר-מצוה פון זיין זוהן 5 קילאָ ברויט.

זונטאָג — אַ קאָנצערט פאָר אַרבייטסלאָזע.

זונטאג, דעם 7 מערץ 12 א זייגער מיטאג, א דאנק דער בעמיהונג פון שטאָדטישען קאָמיטעט פון ווינטער-הילף פאר אַרבייטסלאָזע, וועט אין קינאָ „לונאַ“ פאָרקומען א קאָנצערט פון 2 פערבינדענע מיליטערישע אָרקעסטערס פון טשענסטאכאוו און לובליניעץ, מיט וועלכע ס'וועט אנפיהרען פּאָר. גושע-ווינסקי.

אינ'ם פּראָגראַם די שאַפונגען פון גריעג, שובערט, באַך, וואַגנער א. א.

די גאנצע הכנסה איז בעשטימט פאר די אַרבייטסלאָזע. פּרייזען פון בילעטען: 49 גר., 99 און 1,49.

דעם פּראָטעקטאָראַט איבער'ן קאָנ-צערט האט איבערגענומען דער סטאָ-ראָסטע וול. ראָזמאַרינאָווסקי, געג. גאָנ-שאָראָווסקי און שטאדט-פּרעזידענט י. שטשאָדראָווסקי.

קלאַסיפיקאַציע פון היגע שאָך-שפּילער.

דער אָרטיגער שאָכיסטען-קלוב אָר-דענט איין דעם 7-טען מערץ ספּעציעלע קלאַסיפיקאַציע שפּילען, צו וועלכע ס'קען צוטרעטען יעדער איינער, וואס שפּילט נור אין שאָך. דער אָבצאָהל בעטרעפט 1 זל., פאר אַרבייטסלאָזע 50 גר.

דרייסטער רויב-אנפאל אויפ'ן פאסט-אמט

דאנערשטאג, ארום האלב 7 א זייגער אין אוונט, בעת אין דער אבטיילונג פון פאסט-פאקעטען האבען זיך נישט געפונען קיין אינטערעסאנטען און דער בעאמטער-קאסירער — ווי געוועהנליך אין דער דאזיגער שעה — האט בערע-כענט דעם קאסע-צושטאנד, איז מיט דער זייטיגער טהיר פון דער קאפערני-קא-גאס אריין א מאנספערשוין, בליץ-שנעל אראבגעכאפט פונ'ם טיש א פע-קיל באנקנאטען און מאמענטאל ענטלא-פען. די דאזיגע סצענע האט געדויערט קוים עטליכע סעקונדען, איידער די אנוועזענדע האבען זיך בעוויזען צו אריענטירען. דער דרייסטער רויבער איז דאן צוריק ארויס אויף קאפערניקא גאס, ארויפגעשפרינגען אויף א ראווער און מיט דער גרעסטער שנעלקייט גע-פאהרען אין דער ריכטונג צו דער אלעע וואלנאשטשי.

אויפ'ן אלארם פון קאסירער: „האלט דעם גנב!" האבען עטליכע בעאמטע פון דער פאסט גענומען נאכיאגען דעם רויבער, אבגעבענדיג אין זיין ריכטונג איינינע שאסען, אבער אהן רעזולטאט.

צוליב דער הערשענדער פינסטערניש אויף דער קאפערניקא גאס און אויס מורא, אז די קוילען זאלען נישט טרע-פען די צופעליגע דורכגעהער, האבען די בעאמטע רעזיגנירט פון בענוצען געוועהר, וואס ס'האט דעם דרייסטען באנדיט ערמעגליכט דאס פערשווונדען מיט די צוגערויבטע 3.200 זלאטעס.

דער דאזיגער דרייסטער לאנג נישט-נאטירטער באנדיטען-אנפאל אין צענ-טרום שטאדט, האט ארויסגערופען א גרויסע בעאונרוהיגונג, אזוי, אז באלד נאכ'ן אלארם איז איבערגעריסען געווא-רען דאס אמטירען אינ'ם גאנצען פאסט בנין אויס מורא פאר אנ'ארגאניזירטען אנפאל פון א גרעסערער באנדיטען-באנדע. אלע פענסטערלעך און טישען זענען פערשלאסען געווארען און די בעאמטע האבען מיט געוועהר זיך גע-נומען יאגען נאכ'ן רויבער. אויך צווישען די אנוועזענדע אינטערעסאנטען איז ענטשטאנען א מהומה, וואס איז באלד אויפגעקלערט געווארען און די בעאמטע האבען צוריק נארמאל אמטירט.

די אנגעקומענע פאליציי און אויס-פארשונגס-אגענטען האבען שוין א שעה נאכ'ן אנפאל בעוויזען צו פערהאלטען די רויבער, וועלכע האבען זיך ארויס-געוויזען אלס סטאניסלאוו צעקוס, קע-דזשינסקא 29, וואצלאוו טיזליק און וואַ-צלאוו דזשיווינסקי, זיי זענען געבראכט געווארען אין דער אויספארשונגס פאלי-ציי, וואו זיי האבען זיך מודה גע-ווען צום אויספיהרען דעם אנפאל.

געהענדיג נאך די שפורען איז דער פאליציי געלונגען צו ענטדעקען דאס בעהעלטעניש אויף קעדזשינסקא גאס, וואו ס'איז געלעגען איינגעגראבען אין דער ערד דאס צוגערויבטע געלד.

אנגענומען דעם אריער-פאראגראף אויף א פערזאמלונג פון דאקטוירים-דעלעגאטען פון קעלצער קרייז.

מיט עטליכע טעג צוריק האבען מיר מיטגעטיילט, אז די היגע אבטיילונג פון דאקטוירים פעראיין האט איינשטי-מיג אבגעווארפען דעם פארשלאג פון דער פויזנער און פאמערנער אבטיילונג וועגען ענדערן דעם סטאטוט אין דער ריכטונג אויסצושליסען פון פעראיין אלע דאקטוירים יודען.

די טשענסטאכאווער אבטיילונג געהער אבער צום קעלצער קרייז, וואוהין ס'געהערען אויך: קעלץ, ראדאמסק און זאגלעמביע.

און עהערגעכטען איז טאקי פארגע-קומען א פערזאמלונג פון די דעלעגא-טען פון קעלצער קרייז, וועלכע האט געברענגט א סענסאציאנעלע ענדערונג אין דער דאזיגער פראגע.

אין דער פערזאמלונג האבען אנטייל-גענומען 17 דעלעגאטען, דערונטער 5 פון טשענסטאכאוו מיט פולק. ד"ר מי-קולסקי אין דער שפיץ.

אויפ'ן טאג-ארדנונג האט זיך צוו. אנד. אויך געפונען דער „אריער"-פאראגראף.

בעת'ן בעהאנדלען דעם פונקט איז בעשלאסען געווארען, אז אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דאקטוי-רים-פעראיין, זאל דער קעלצער קרייז אונטערשטיצען דעם פויזנער פארשלאג, וועלכער לויטעט, אז א יוד טאר נישט זיין קיין מיטגליד פון דאקטוירים פער-איין פון דער פוילישער מלוכה.

אין פאל אבער, ווען דער דאזיגער פארשלאג וועט נישט בעקומען קיין מעהרהייט, זאלען די דעלעגאטען פון קעלצער קרייז שטימען פאר'ן פארשלאג פון זאגלעמביער קרייז, וועלכער וועהט פאר א „נומערוס קלאוזוס" פאר די יודישע דאקטוירים.

בעריהמטער פאלקס-זינגער מאקס לעוו אין טשענסטאכאוו.

זונטאג, דעם 7-טען מערץ 8 אוונט טרעט אויף אין זאל פון דער ציוניסטי-שער ארגאניזאציע (אלעע 10) מיט א קאנצערט פון פאלקס-לידער דער בע-קאנטער זינגער מאקס לעוו. אין פראג-ראם: לירישע לידער, הסידישע נגונים, כאראקטעריסטישע לידער, פאלקס הומאר און העברעאישע ארץ-ישראל-לידער.

דער זינגער מאקס לעוו האט זיך לעצטענס בעריהמט געמאכט דורך זיינע ערפאלגרייכע קאנצערטען אין א רייה גרעסערע שטעדט מיט זיין שעהן און הארציג זינגען און זיין קינסטלערישע אויספיהרונג פון פאלקס-ליד.

פון קאמעראל-טעאטער.

היינט פרייטאג 30 8 א זייגער אוונט ווערט געשפילט די 3-אקטיגע קאמעדיע „די קירכען מויז" פון וו. פאדאר. עס נעמען אנטייל דער גאנצער אנסאמבל אונטער דער רעושי פון יאן באנעצקי, ארטיסט פון די ווארשאווער טעאטערן.

מארגען, שבת 5 נאכמיטאג „מענשען אויפ'ן אייז" און 30 8 אוונט „די קיר-כען מויז".

דאס וואסער אין טייך ווארטא שטייגט.

פון נעכטען נאכמיטאג איז געשטיגען דאס וואסער אין טייך ווארטא מיט העכער א מעטער. עס זענען פערגאסען געווארען די נידעריגערע געגענדען: קארווינוב, סלאוויק, בוגיי. די בעפעל-קערונג פון מאנכע הייזער איז זאגאר געוועזען געצווינגען צו פערלאזען די שטובען.

פראפ. סטאלא צוריק אויף זיין פריהערדיגען אמט.

עס ווערט מיטגעטיילט, אז דער געוועזענער נאטשעלניק פון דער ארגני-גער אבטיילונג פאר קולטור און בילדונג ביים מאגיסטראט פראפ. ב. סטאלא, וועלכער איז מיט עטליכע חדשים צוריק איבערגעטראגען געווארען אויפ'ן אמט פון לייטער פונ'ם שטאדטישען ערצי-ציהונגס-אנשטאלט — איז לויט דער דעציזיע פון יעצטיגען שטאדט פרעזי-דענט ה' יאן שטשאדראווסקי צוריק נאמינירט געווארען אויף זיין פריהער-דיגען אמט פון נאטשעלניק פון דער אבטיילונג פאר קולטור און בילדונג. דעם דאזיגען אמט וועט פראפ. סטאלא איבערנעמען היינט דעם 1 מערץ.

פון „טאז"-באל.

פערגאנגענעם שבת אין אוונט איז אין פייערלעשער-זאל פארגעקומען דער יעהרליכער באל פון „טאז", וועלכער האט — ווי יעדעס יאהר — אויך היי-יאהר צוגעצויגען א גרויסען עולם און זיך זעהר גוט איינגעגעבען.

פון די בעזונדערע אטראקציעס, מיט וועלכע די טאז בעלער צייכנען זיך שטענדיג אויס, איז כדאי צו דערמאנען דער צום ערשטען מאל איינגעארדנע-טער וואהל פון א טאז „קעניג". דער אויסגעוועהלטער ה' אינזש. גורעוויטש איז בעשאנקען געווארען מיט א הער-ליכען ושעטאן.

אויסערדעם זענען אויך פארגעקומען וואהלען פון א „מיס טאז" (פרל. בראָ-ניסלאווא ניעמיראווסקא) און פון א באל-קעניגין (פרל. לידיא קאזאק).

אין אלגעמיין האט זיך דער עולם זעהר גוט געווילט און שטארק הנאה געהאט פונ'ם ביליגען בופעט, וואס ס'בעשטעטיגט דער פאקט, אז שוין 3 א זייגער פארטאגס איז דער בופעט געוועזען כמעט ווי אבגעליידיגט, אבער אויך דער „טאז" האט דערפון געהאט א נוצען, דערגרייכענדיג א גוטען מא-ראלישען און מאטעריעלען ערפאלג.

דער באל קאמיטעט איז בעשטאנען פון די פרויען: פרוי דר. ב. העלמאן, פרוי דיר. י. גראסמאן, פרוי דיר. א. זיגמאן, פרוי אינזש. י. העלמאן, פרוי דר. דאבושינסקא א. א.

די גלאז-הוטע „סטראדאם" ארבייט ווייטער.

מיט עטליכע טעג צוריק האט צוריק אנגעהויבען צו ארבייטען דער ארביי-טער-קאאפעראטיוו פון דער גלאז-הוטע „סטראדאם", וועלכע איז געווען נישט-טעטיג שוין זייט 2 חדשים. די גלאז-הוטע וועט בעשעפטיגען אנ'ערך 300 ארבייטער און וועט אויסארבייטען פלאשען פאר'ן שפירט-מאנאפאל און אנדערע ארטיקלען פאר'ן פריוואטען געברויך.

צום עפנען די גלאז-הוטע „סטרא-דאם" האט מיטגעהאלפען דער ארבייטס-פאנד און די הסכמה פון די ארבייטער צו א הנחה פון די ארבייטס-לויהנען און דאס איבערגעבען אויף פאיען 50 פראצענט פון די חובות. די איבריגע 50 פראצענט פון די חובות האבען זיי פראלאנגירט ביז'ן סוף יאהר 1937. דערביי האבען זיי זיך אויך פערפליכ-טעט אין משך פון 3 יאהר צו ארביי-טען אויף די ביז-יעצטיגע בעדינגונגען.

יורישע ערציהונגס-פראבלעמען אין ארץ-ישראל און אין אמעריקא.

ס'איז שוין א בעקאנטע זאך, אז דער געזעלשאפטליך-פעדאגאגישער זשורנאל „דאס קינד" בעריהרט פראב-לעמען וואס האבען א שייכות נישט נאר מיט'ן יודישען קיבוץ אין פוילען, נאר פונקט אין דער זעלבער מאס—ווע-גען שולע און ערציהונגס וועזען אין אלע לענדער, וואו ס'געפונען זיך קאמ-פאקטע יודישע פאלקס-מאסען. דער נומער 7, וואס איז נאר וואס ערשינען, ברענגט א גענויען איבערבליק איבער אלערליי פראבלעמען און פראגען, מיט וועלכע ס'אינטערעסירט זיך פאלעס-טינא און דאס יודישע שול וועזען אין אמעריקא. בכלל פערמאגט דער נר. 7 „דאס קינד" א שלל כ'ט פרעסע-איבערזיכטען—וואס בערייכערט דעם געדאנקען האריזאנט פון לעהרער און פאפולאריזירט פאר אונזערע עלטערן די נייעסטע שטרעמונגען פון דער מא-דערנער פעדאגאגיק. די גאנצע אב-טיילונג „בוך און פרעסע" איז צוזא-מענגעשטעלט געווארען דורך פאלגענ-דע מחבורים: א. פרץ (רעדאקטאר פון „האס קינד"), אלחנן אינדעלמאן (יונ-גער העברעאישער פאעט און פעדאגאג) און ד"ר מ. פאפירמאן (לייטער פון א ווארשאווער דערציהונגס-אנשטאלט).

דער זעלבער נומער ברענגט א לייט-ארטיקעל פון ג. העכט וועגען א שולע פאר עלטערן. דער מחבר-לייטער פון א ווארשאווער מלוכה שולע—ווייזט אויף ווי ווייט וויכטיג ס'איז פאר אונז די גרינדונג פון א שולע פאר עלטערן, זיי זאלען זיך ענדליך דערוויסען ווע-גען די עלעמענטארסטע ערציהונגס-פרינציפען און אויסמיידען פיעל פעה-לערען. יאנוש קארטשאק רעדט ארום אין זיין ארטיקעל די וויכטיגקייט פון דיסציפלין און געהארכזאמקייט אין אונזער ערציהונגס ארבייט. די דאזיגע יוגענד מעלות קאנען פערזיכערן יעדען מענשען א געהעריגען לעבענס ערפאלג. ד"ר ס. שטענדיג (קראקא) פאפולארי-זירט די אידעע פון א ראציאנעלער פארשול פאר אונזערע קינדער.

וו. דערלאכטער ברענגט אינערע-סאנטע אבסערוואציעס איבער א רייהע קינדער—נישט שטענדיג נארמאלע—וועלכע געפינען זיך אין איינעם פון די ווארשאווער ערציהונגס-אנשטאלטען.

מ. יאקובאוויטש שטרייכט אונטער די וויכטיגקייט פון בעוועגליכע שפי-לען פאר דער פסיכישער און פיזישער ענטוויקלונג פון אונזערע קינדער.

אין נזמער געפינט זיך אויך א ריי-כע אבטיילונג פון דער אלזייטיגער „צענטאס" טעטיגקייט. ווארשא, לעמ-בערג און קראקא. בעריכטען וועגען דער אבגעטהוענער ארבייט אויפ'ן גע-ביט פון קינדער-פערזארגונג און יתומים-שוץ.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedynczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.
יעדען שבת א [illegible] פאר יודישער געזעל-שאפט.
אנהויב 8 אוונט. [illegible] מוזיק.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער.דעם געווילב פון דער קאפעלושארניע)

קראגענס ווערען געוואשען מיט דויער-האפטען שפיגעל-גלאנץ.

ספעציאליטעט:

1) אויספרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס.
2) פארבען לויט מוסטערן.
3) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט).
4) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן.

א יובעל

פון אנ'אנשטענדיגער פאמיליע

ווערט געזוכט

אין אייזען-געשעפט נייער מארק 13.

צוויי „שטערינגס" אין איין קאנצערט

צוויי קאנצערטען אין איין אוונט
די גרעסטע מוזיקאלישע סענסאציע
אין טשענסטאכאוו.

אדא סארי, די וועלט-בעריהמטע שוישפילערין, די פענאמענאלע קאלא-ראטור-זינגערין, דער שטאלץ פון העכ-סטען געזאנג-טעמפא „לא סקאלא", וועלכע איז געקרוינט מיט'ן נאמען „דער פוילישער נאכטיגאל" און יאנינא פאמיליער—העפנעראווא, די לאורעאטין פון קאנקורס פון די פיאניסטען אין זשענעווע (1 טע אויסצייכנונג), די גע-ניאלע אויספיהרערין פון שאפענ'ס ווערק טרעטען אויף צוזאמען אין די נאהנטס-טע טעג מיט א מייסטער-קאנצערט אין זאל פון קינא טעאטער „אטלאנטיק" מיט א פראגראם, וועלכער וועט לאנג, לאנג פערבלייבען אין זכרון פון דעם טשענ-סטאכאווער מוזיקאלישען עולם.

פערשרייבען זיך אויף בילעטען קאן מען אין קאסע פון טעאטער, טעלעפאן 16 21.

די עפענטליכע ארבייטען אין טשענסטאכאוו.

די בעמיהונגען פון שטאדט פרעזי-דענט שטשאדראווסקי אין ארבייטס-אי ספעקטאראט וועגען באלדיגען אנ-הויבען פון די עפענטליכע ארבייטען, זענען געקרוינט געווארען מיט ערפאלג.

די שטאדטישע עפענטליכע ארבייטען וועלען זיך אנהויבען אין טשענסטאכאוו שוין דעם 22 מערץ. אין די נאהנטסטע טעג וועט שוין פעסטגעשטעלט ווערען דער פלאן פון דער ארבייט און דער סיסטעם פון צונעמען די ארבייטער.

אינספעקציע אויף דער היגער פאסט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער סענסא-ציאנעלער שוין-ענטדעקטער גנבה פון געלד אויף דער הויפט-פאסט, האט שבת געווײלט אין טשענסטאכאוו דער אינ-ספעקטאר פון דער קרייז פאסט דירעקציע דר. העלפער פון קראקא. אין דער גע-זעלשאפט פונ'ם היגען פאסט-נאטשעלניק צעלארי, האט דר. העלער גענוי נאכ-קאנטראלירט דעם בנין און אלע איינ-ריכטונגען פון דער פאסט.

כדי אין דער צוקונפט אויסצומיידען עהנליכע פאלען, ווועלען איינגעארדענט ווערען ספעציעלע פערזיכערונגס מיטלען פאר די דאזיגע אבטיילונגען, וואס פיהרען אויס געלד-טראנזאקציעס.

ר' העניך לפידות ז"ל.

דאס יודישע טשענסטאכאוו האט פערלוירען אנ'אנגעזעהענעם היגען בעל הבית דעם בעקאנטען מוכר-ספרים און לאנגיעהריגען כלל-טהוער העניך לא-פידעס ז"ל.

דער נפטר חאט זיך אויסגעצייכענט מיט ספעציעלע גוטע מידות. ס'איז ווערט אונטערצושטרייכען, דאס ביי זיינע בעשיידענע מיטלען האט ער אויך געזארגט פאר די נויטבעדערפ-טיגע.

ר' העניך לפידות ז"ל איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער וויכ-טיגער אינסטיטוציע „הכנסת אורחים", וואו ער איז געווען טעטיג איבער 40 יאהר און ביז דער לעצטער מינוט האט ער זיך איבערגעגעבען בלב ובנפש פאר איהר ענטוויקלונג.

דער נפטר איז אויך געווען מיט-גרינדער פון דער גמ"ח. „בית לחם".

צו דער לויה, וועלכע איז פארגע-קומען פערגאנגענעם פרייטאג, איז גע-קומען א גרויסע צאהל מלוים, וועלכע האבען דעם נפטר איבערגעטראגען אין „הכנסת אורחים". דארט האט איהם מיט ריהרענדע ווערטער מספיד געווען דער עהרען-פרעזעס ה' ש. ניעמיראוו-סקי.

ביים אפענעם קבר האבען איהם מספיד געווען די ה"ה: ש. ניעמיראוו-סקי און פרעזעס פון „הכנסת אורחים" י. מ. עפשטיין.

די פערוואלטונג פון „הכנסת אורחים" האט בעשלאסען, אלס אויסדרוק פאר זיינע לייסטונגען צו פעראייביגען זיין אנדענק דורך איינמויערען אנ'אנדענקס-טאוועל אין דער וואנד פון דער אינ-סטיטוציע. ת.נ.צ.ב.ה.

צוויי נייע אפטייקען.

די אויפזיכטס-מאכט האט ארויסגעגעבען ערלויבנישען אויף צוויי נייע אפטיי-קען אין טשענסטאכאוו. די דאזיגע אפטייקען וועלען זיך געפונען: אויף פילסודסקי גאס, ווי אויך אויף קילינסקי אדער וואשינגטאנא גאס.

כדאי צו דערמאנען, אז די לעצטע יאהרען איז די צאהל-אפטייקען אין אונ-זער שטאדט בערייטענד געשטיגען. ערשט פויריגעס יאהר זענען ענטשטא-נען צוויי נייע אפטייקען אויף ווארשא-ווער גאס און נארוטאוויטש מארק.

KINO „EDEN".

גרעסטע סענסאציע פון סעזאן!
דער וועלט-בעריהמטער זינגער

BENJAMINO GIGLI

אין זיין ערשטען פילם

Nie zapomnij o mnie

דראמע פון ליעבע, פערראט
און אפפערוויליגקייט.

Kino „LUNA"

זשאנעט מאק-דאנאלד
און קלארק גאבל
צום ערשטען מאל צוזאמען
אינ'ם פילם

SAN-FRANCISKO

פייערדיגער פילם-ראמאן.
רעאליזאציע: וואן = דייק.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

צוגלייך מיט ווארשא!
בעסטער עגזאטישער פילם
פול סענסאציעס

KRóL DżUNGLI

אין דער הויפט-ראל: פרוי — „טאזשאן"
Doretha Lamour

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6